1.9.1

545,50 5,50
140
50,50
49,60 18
40,07
2070
60 30
19 35
321 35

14 147 0

וויקטאר דאווע.

מיכאאיל באקונין
און
קארל מארקס.

איבערזעצט פון ר. ראקער.

פערלאג „ארבייטער פריינד",
לאָנדאָן, 1907.

442

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

THIS BOOK
IS THE PROPERTY OF
THE YOUNG SOC. ED. CIRCLE

15

THIS BOOK IS THE PROPERTY OF THE YOUNG SOC. ED. CIRCLE

איינליישונג.

אין 1895 האָט מיכאַאיל דראַגאָמאַנאָוו געשריבען אין דער פאָררעדע צו זיין בעקאַנטעס ווערק „באַקונין'ס קאָרעספאָדענץ מיט אַלעקסאַנדער הערצען און אָרגאַיאָוו", דאָס עס איז זעהר צו בעדויערען, וואָס דאָס לעבען און די טהעטיגקייט פון באַקונין איז ביז יעצט אַזוי וויניג בעקאַנט, אָבוואָהל עס זיינען ערשט פערגאַנגען 20 יאָהר זייט ער איז געשטאָרבען און טראָצדעם וואָס ער האָט געהאָט אַזוי פיל פריינדע און אַנהייגער אין אַלע לענדער פון איירָאָפּאַ. גליקליכערוויזע זיינען מיר היינט אימשטאַנדע צו בעזייטיגען דיזען מאַנגעל אין אונזער ליטעראַטור. שוין זייט פילע יאָהרען איז דר. מאַקס נעטלוי בעשעפטיגט מיט אַן אויספיהרליכער לעבענס-בעשרייבונג פון מיכאַאיל באַקונין און עס איז קיין צווייפעל, דאָס דיזעס ווערק וועט זיין אַ ווערטהפאָלער און אומשעצבאַרער ליטעראַרישער ביטראַג צו דער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע פון'ם פערגאַנגענעם יאָרהונדערט. אונזערע גאַנצע קענטניסע אין בעצוג אויף די גלענצענדע לעבענס-געשיכטע פון דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער זיינען ביז יעצט צום גרעסטען טהייל בעשריינקט געוועזען אויף איינינע אונפאָלשטענדיגע אַבהאַנדלונגען, אויף די פיינליכע נאָטיצען פון די ביאָגראַפישע דיקסיאָנערען און הויפטזעכליך אויף די פייגע פערלוימדונגען פון זיינע געגנער, וועלכע האָבען איהם בעשמוצט זיין גאַנצעס לעבען לאַנג, און וועלכע בעשמוצען נאָך היינט זיין אַנדיינקען. ערשט זייט די לעצטע עטליכע יאָהרען האָט מען פערעפענטליכט טהיילען פון זיין קאָרעספאָדענץ און מאַקס נעטלוי האָט פובליצירט אַ טהייל פון זיינע טהעאָרעטישע און פאָלעמישע שריפטען.

עס איז קיין צווייפעל, אַז באַקונין האָט געהאַט פילע פיינדע, וועלכע האָבען איהם זעהר אָפט בעקעמפט מיט די נידריגסטע און געמיינסטע וואַפען, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך געהאַט אין אַלע לענדער אַ גרויסע צאָהל עהרליכע פריינדע און בעגייסטערטע בעוואונדערער, פון וועלכע איינינע לעבען נאָך היינט און קעמפען אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון זיינע אידעען פאַר די פאָליטישע און סאָציאַלע בעפרייאונג דער מענשהייט. און גראַדע פאַר דיזע אַלטע קעמפפער איז עס געווים אַ פרעהליכע איבערראַשונג, דאָס אַ געלערהטער און איבערגעבענער אַנאַרכיסט, וועלכער האָט דורך אויסערגעוועהנליך גינסטיגע

אומישטענדען געהאַט די געלעגענהייט צו זאַמלען די זעהר זעלטענע דאָקומענטען, וועלכע גיבען אונז די ריכטיגע ערקלעהרונגען איבער דאָס לעבען און טהעטיגקייט פון דעם גרויסען רוסישען רעוואָלוציאָנער, האָט זיך געשטעלט די גרויסע אויפגאַבע צו שאַפען אַ פאָלשטענדיגע און ווירדיגע ביאָגראַפי, אַזוי ווי באַקונין און די גראַנדיאָזע זאַכע, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט זיין גאַנצעס לעבען לאַנג, האָבען עס פערדינט.

לאָמיר ניט פערגעסען, אַז באַקונין איז געוועזן דער אייגענטליכער גרינדער פון דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג אין אייראָפּאַ און דאָס אַלע די, וועלכע פערשפרייטען היינט די פרייע אידעען און טהעאָריען אויף אַלע געביטען פון דער גייסטיגער ענטוויקלונג, זיינען די דירעקטע נאָכפאָלגער פון איהם. אַנערקענענדיג דיזע טהאַטזאַכע, פערגעסען מיר נאַטירליך ניט אין די נעמען פון גודווין, טהאָמסאָן, וואַררען, פרודאָהן, גרין, שטירנער און פילע אַנדערע, וועלכע האָבען אַלע בייגעטראָגען צו ענטוויקלען און צו בעגרינדען די אידעען און טהעאָריען פון דער אַנאַרכיסטישער וועלטאַנשויאונג, מיר פערגעסען אויך ניט, דאָס באַקונין אַלס פילאָזאָף און דיינקער האָט אַלע דיזע מענער זעהר פיל צו פערדאַנקען, דען מיט זייערע לעהרען, פערבונדען מיט די רעזולטאַטען פון זיינע אייגענע גייסטיגע פעהיגקייטען, האָט ער געשאַפען אַ גאַנץ נייע פילאָזאָפישע אַנשויאונג איבער דער וועלט און איבער דאָס לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. אָבער מיר רידען יעצט הויפטזעכליך פון דעם געוואַלדיגען איינפלוס, וועלכען ער האָט געהאַט אַלס פערשפרייטער פון די אַנאַרכיסטישע אידעען אין אַלע לענדער פון אייראָפּאַ. זיין מעכטיגע אַגיטאַציאָנס־קראַפט, זיין אונבעזיגבאַרע ענערגי און זיינע פערזענליכע כאַראַקטער־אייגענשאַפטען אַלס מענש און פריינד האָבען איהם געמאַכט צום איניציאַטאָר און בעגרינדער פון דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג.

נאָך אידער די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן" איז געגרינדעט געוואָרען און וועהרענד דער בליהונגס־פעריאָדע פון דיזער מעכטיגער אָרגאַניזאַציאָן האָט באַקונין געשטריטען פאַר די פערברידערונג פון די וועסט־אייראָפּעאישע פעלקער, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך געקעמפט פאַר דער בעפרייאונג פון די סלאַווישע נאַציאָנען, (דאָס איז געוועזן דער גרויסער אונטערשיד צווישען איהם און מאַרקס) דען זיין לאָגישער פערשטאַנד האָט איהם געזאָגט, אַז די עמאַנציפּאַציאָן פון דיזע פעלקער איז די בעסטע גאַראַנטי פאַר די פרייהייט אין אייראָפּאַ. אין דיזער בעציהונג איז ער געוועזן אַ דירעקטער אַפּאָנענט פון דעם איינזייטיגען שאָוויניזמוס פון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט געקוקט אויף יעדעם מיטגליד פון דער סלאַווישער ראַסע ווי אויף אַ פיינד, וועלכען מע מוז פערניכטען מיט אַלע מיטלען,1) און עס איז זעהר וואַהרשיינליך, דאָס

1) מאַרקס האָט אין דער „נייער רהיינישער צייטונג" עפענטליך געפריידיגט דעם

דיזער אַנטאַגאָניזמוס איז געווען די הויפּטאורזאַכע און דער אורשפּרונג פֿון דער ביטערער פֿיינדשאַפֿט צווישען די ביידע רעוואָלוציאָנערען.

מע גלויבט געוועהנליך, אַז די פֿיינדשאַפֿט צווישען מאַרקס און באַקונין האָט זיך ערשט אָנגעפֿאַנגען, ווען באַקונין איז געוואָרען אַ מיטגליד פֿון דער צענטראַל־סעקציאָן פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן” אין זשענעוואַ אין יולי 1868. אָבער דאָס איז אַן אירטהום. מאַרקס האָט באַקונין׳ן שטענדיג בעקעמפֿט און פֿערלוימדעט, זייט ער האָט פֿערלאָזען רוסלאַנד און איז אַריינגעטראָטען אין די פּאָליטישע בעוועגונג פֿון אייראָפּאַ און הויפּטזעכליך זייט 1848 און 1849, ווען באַקונין האָט גענומען אַנטהייל אין די רעוואָלוציאָנען פֿון דייטשלאַנד. אום צו פֿערניכטען באַקונין׳ס איינפֿלוס, וועלכער איז דאַן געווען זעהר שטאַרק, האָט מאַרקס אָנגעווענדעט יעדעס מיטעל, וועלכעס זיין פֿאַלשער און פֿערדאָרבענער כאַראַקטער האָט נאָר געקענט אויסקלעהרען, פֿון די איינפֿאַכסטע ליגענס און פֿערלוימדונגען ביז צו די נידריגסטע און געפֿעהרליכסטע בעשולדיגונגען. קאַרל מאַרקס האָט אין זיינע האַנדלונגען געגען באַקונין׳ן בעוויזען, ווי אויך אין פֿילע אַנדערע אַנגעלעגענהייטען, דאָס ער האָט גוט אָנגעווענדעט די לעהרען פֿון דייוויד אורקואַרד,1) וועלכער איז געווען זיין אינספּיראַטאָר און ראַטהגעבער אין פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען, פֿון דייוויד אורקואַרד, דיזען פֿאַלשען, נידריגען און אונוויסענדען דיפּלאָמאַטישען פּראַזען־דרעשער, וועלכער האָט איבעראַל געזעהן געפֿעהרליכע ערשיינונגען, אַ מענש, וועלכער האָט געקוקט אויף אַלע אַנדערע מיט מיסטיזיאישע אויגען, און וועלכער האָט בעטראַכטעט אַלע זיינע בעהויפּטונגען אַלס אונפֿעהלבאַר, פּונקט ווי די יעזואיטען.2)

עס איז ניט מיין אַבזיכט היינט טיפֿער איינצוגעהן אויף די ווערטהפֿאָלע אַרבייט פֿון דר. מאַקס נעטלוי, וועלכע ער האָט נאָך ניט אין גאַנצען געענדיגט; אַלעס וואָס איך וויל בעווייזען אין דיזע אַרטיקלען, מיט דער

קריג געגען די סלאַווישע פֿעלקער מיט דער אויסנאַהמע פֿון די פּוילען. אין זיינע אַרטיקלען געגען די סלאַווען געפֿינט זיך די פֿאָלגענדע שטעלע: „דער האַס געגען די רוסען דאַרף זיין די ערשטע רעוואָלוציאָנערע ליידענשאַפֿט פֿון די דייטשען און זייט דער רעוואָלוציאָן (1848) איז נאָך דערצו געקומען דער האַס געגען די טשעכען און קראָאַטען. דערפֿאַר קאַמף, אונערביטליכער קאַמף אויף לעבען און טויט, פֿערניכטונגס־קאַמף און ראַדיקאַלער טעראָריזמוס געגען דאָס גאַנצע סלאַווענטהום, וועלכעס האָט פֿערראַטהען די רעוואָלוציאָן א. ז. וו.” מאַרקס האָט אַלזאָ ניט נאָר געפּרעדיגט דעם קאַמף געגען די רוסישע רעגירונג, זאָנדערען דעם דירעקטען קאַמף געגען די סלאַווישע פֿעלקער.

(דער איבערזעצער.)

1) אורקואַרד איז געווען אַן ענגלישער בורזשואַ, אַ זעהר אינטימער פֿריינד פֿון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט פֿערדעכטיגט הונדערטער מענשען אַלס רוסישע פּאָליציי שפּיאָנען. אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטען אין ענגלאַנד, מיט דער אויסנאַהמע פֿון מאַרקס און זיין קרייז, האָבען איהם בעטראַכטעט אַלס אַ געמיינעם פֿערלוימדער.

(דער איבערזעצער.)

2) JULIUS FROEBEL, Ein Lebenslauf II, 36.

הילפֿע פֿון די צאָהלרייכע דאָקומענטען, וועלכע אונזער פֿריינד נעטלויר האָט פֿערעפֿענטליכט, איז די אונבעשטרייטבאַרע טהאַטזאַכע, אַז מאַרקס האָט שטענדיג פֿערליימדעט באַקונין'ן, און דאָס דער ביטערער קריג, וועלכען ער האָט אָנגעפֿיהרט געגען דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער איז ניט פֿעראורזאַכט געוואָרען, וויל ער האָט געהאַט דעם גוטען גלויבען און די עהרליכע איבערצייגונג, אַז זיינע שווערע בעשולדיגונגען זיינען ריכטיג. ניין דיזער גאַנצער קריג איז אָנגעפֿיהרט געוואָרען צוליב פֿערזענליכע אינטערעסען און מאַרקס האָט אַליין זעהר גוט געוואוסט די אַבסאָלוטע אונריכטיגקייט פֿון זיינע פֿערלוימדונגען. דאָס צו בעווייזען איז די אויפֿגאַבע פֿון די פֿאָלגענדע אַרטיקלען.

I

באַקונין האָט שוין פֿערבראַכט געהאַט עטליכע יאָהר אין אויסלאַנד — אין דייטשלאַנד, דער שווייץ און בעלגיען, ווען ער האָט פֿון דער רוסישער רעגירונג ערהאַלטען דעם בעפֿעהל זאָפֿאָרט צוריקצוקומען נאָך רוסלאַנד; (1 אָבער ער האָט זיך ענטזאַגט צו פֿאָלגען דיזען בעפֿעהל און האָט בעשלאָסען צו געהן נאָך פּאַריז. אין פּאַריז איז ער אָנגעקומען אין יולי 1844 און איז דאָרט פֿערבליבען ביז אין דעצעמבער 1847. עס איז דאַן געוועזען יענע מערקווירדיגע פעריאָדע, ווען אַלע האָבען געגלויבט, אַז די בורזשואַזי האָט עררייכט די העכסטע שטופֿע פֿון איהר מאַכט; די פעריאָדע, ווען עס האָט איבעראַל געהערשט רוהע און אָרדנונג, און ווען זאָגאַר די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען האָבען ניט אַרויסגעצייגט קיין קראַפֿט און ענערגי.

באַקונין האָט דיזע עפּאָכע כאַראַקטעריזירט אין אַ מאַנוסקריפּט, וועלכען ער האָט געשריבען אין 1871, און וועלכער איז ביז יעצט נאָך ניט

1) „איך האָב מעהר קיין פֿאָטערלאַנד, זייט איך האָב מיר אָבגעזאָגט פֿון דעם מייניגען; און אַזוי געה איך רוהיג און געלאַסען ווי דער וואַנדערענדער יודע דעם וועג, וועלכען מיין שיקזאַל און מיין אינערע איבערצייגונג האָבען פֿאַר מיר בעשטימט. אַזוי ווי עס איז אונמעגליך זיך צו שאַפֿען אַ פֿאָטערלאַנד, וועל איך אין גאַנצען אויפֿגעבען דיזע אונניצליכע אַרבייט, און דאָס וועט מיר ניט אָנקומען אַזוי שווער, דען איך בין איבערצייגט, אַז רוסלאַנד וועט נאָך שפּילען אַ גרויסע ראָלע אין דעם הייליגען קאַמף פֿון דער דעמאָקראַטי. נאָר אונטער דיזער פֿאָראויסזעצונג ליב איך דאָס לאַנד, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען...“ (בריף פֿון באַקונין אַן עמאַ זיגמונד, געשריבען אַם 13טען פֿעברואַר 1843.) NETTLAU, I. 64.

פֿערעפֿענטליכט געוואָרען,[1] מיט די פֿאָלגענדע ווערטער: „די רעפּובליקאַנער האָבען פֿאָרטגעזעצט זייער קאָנספּיראַטיווע טהעטיגקייט; אָבער פֿילע האָבען בעהויפּטעט, אַז זיי האָבען נאָר קאָנספּירירט אויס פֿערגניגען, אַזוי אונשולדיג איז געווען דער כאַראַקטער פֿון זייערע פֿערשווערונגען. די פּאָליציי פֿון מוסיע דושאַטעל האָט ווירקליך ניט מורא געהאַט פֿאַר זיי, פֿערקעהרט, עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי זי וואָלט זיי זאָגאַר געגעבען איהר בעזונדערע פּראָטעקציאָן."

„אין דיזער עפּאָכע האָט פּרודהאָן צום ערשטען מאָל פּראָפּאַגאַנדירט זיינע אידעען און פּובליצירט זיינע ערשטע ביכער, וועלכע האָבען אין זיך ענטהאַלטען (די הערען לואי בלאַן, פּרודהאָן'ס שוואַכער געגנער און קאַרל מאַרקס, זיין אײַפערזיכטיגער אַפּאָנענט, מוזען מיר ענטשולדיגען) די גרונד־אידעע פֿון דער גאַנצער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, די גרונד־אידעע פֿון דער סאָציאַליסטישער קאָמונע, וועלכע צושטערט דעם בעגריף און די טהעטיגקייט פֿון'ם שטאַאַט. אָבער די מעהרסטע לעזער פֿון פּרודהאָן'ס שריפֿטען האָבען זיינע אידעען ניט פֿערשטאַנען. די ראַדיקאַלע צייטונגען פֿון דיזער עפּאָכע, „Le Nationale" און „La Reforme", וועלכע האָבען זיך גערופֿען דעמאָקראַטיש סאָציאַליסטיש, סאָציאַליסטיש נאָך דער מאָדע פֿון לואי בלאַן, האָבען ניט געשריבען קיין גוטעס וואָרט איבער זיינע ביכער, זיי האָבען זיי זאָגאַר ניט קריטיקירט. די אָפֿיציעלע רעפּרעזענטאַנטען פֿון דער רעפּובליקאַנישער אידעע האָבען געמאַכט אַ גאַנצע קאָנספּיראַציאָן, צו איגנאָרירען פּרודהאָן'ס שריפֿטען און אַנשויאונגען."

„עס איז געווען דיזעלבע פּעריאָדע, ווען מישלע און קינע האָבען געהאַלטען זייערע ענטהוזיאַסטישע, אָבער ליידער אונפֿרוכטבאַרע פֿאָרטרעגע אין'ם פֿראַנצויזישען קאָלעגיום, די לעצטע פֿונקען פֿון אַ מין אידעאַליזמוס, וואָס איז פֿילייכט דורכדרונגען געווען פֿון עדעלע, גרויסהערציגע בעשטרעבונגען, אָבער וועלכער איז פּראַקטיש ניט פֿעהיג געווען אירגענד עטוואָס אויפֿצוטהאָן. זיי האָבען זיך אונטערנומען די אונאויספֿיהרבאַרע אַרבייט צו גרינדען די פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט פֿון די מענשען אויף די פֿונדאַמענטען פֿון אייגענטהום, שטאַאַט און רעליגיאָן; גאָט, שטאַאַט און אייגענטהום זיינען אונז געבליבען, אָבער פֿון דער פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט בעזיצען מיר היינט ניט מעהר, ווי בערלין, פּעטערסבורג און ווערסאַיל ערלויבען אונז."

אָבער אַלע דיזע טהעאָריען האָבען דאַן אין פֿראַנקרייך געהאַט אַ גאַנץ קליינעם איינפֿלוס. די גרויסע מאַיאָריטעט פֿון די לעזער האָבען זיך איבערהויפּט ניט בעשעפֿטיגט מיט דיזע אידעען, זיי האָבען בעסער געלעזען די אונענדליך לאַנגע ראָמאַנען און נאָוועלען פֿון אויזשען סי און אַלעקסאַנדער דומאַ, וועלכע האָבען דאַן אָנגעפֿילט די

1) דיזער מאַנוסקריפּט געפֿינט זיך אונטער די „פֿראַנצויזישע בריף" Nettlau, I, 64 - 65.

פֿעליטאָנען פֿון די גרויסע צייטונגען La Presse, Le Constitutionnel און Les Debates.

„גראַדע אין יענער צייט איז עס געווען, ווען די מענשען האָבען געמאַכט געשעפֿטען, פֿערקויפֿענדיג זייערע געוויסענס און זייערע איבערצייגונגען. ל ו א י פ ֿ י ל י פ ּ, ד י ש אַ ט ע ל און ג י ז אָ האָבען דאַן געקויפֿט און בעשטאָכען דעם לעגאַלען און קאָנסערוואַטיווען ליבעראַליזמוס, פונקט ווי ק אַ וו א ו ר האָט עס שפּעטער געטהאָן מיט דעם „פֿעראייניגטען איטאַליען;" און דאָס וואָס מע האָט אין יענער צייט אין פֿראַנקרייך גערופֿען „געזעצליכע פֿערטרעטונג" האָט אָהנע צווייפֿעל אַ גרויסע עהנליכקייט מיט דעם וואָס מע רופֿט היינט אין איטאַליען „לאַ קאָנסאָרטעריאַ".1) אַ געוויסע צאָהל געקויפֿטע בעשעפֿעניסע, וועלכע האָבען ניט מעהר געוואָלט ווי זיך פֿערקויפֿען, האָבען דאַן פֿערוואַנדעלט דעם פּאַרלאַמענט אין אַ בערזע, וואו מע האָט פֿערקייפֿט די גרויסע און קליינע אינטערעסען פֿון'ם פֿאָלק."

„דער פּאַטריאָטיזמוס האָט זיך אין יענער צייט מאַניפֿעסטירט אין דער פֿאָרם פֿון געשעפֿטען און האַנדעלס־ספּעקולאַציאָנען; פֿאַר די לאַנד איז דאָס נאַטירליך זעהר שלעכט געווען, אָבער די איינצעלנע אינדיווידוען, וועלכע זיינען געשטאַנען אַן דער שפּיצע פֿון'ם שטאַאַט, האָבען געמאַכט גוטע געשעפֿטען פֿון דיזען האַנדעל. אויף אַזאַ מין אַרט איז די פּאָליטישע וויסענשאַפֿט זעהר איינפֿאַך געוואָרען, און די געשיקליכקייט פֿון דער רעגירונג האָט זיך אין גאַנצען בעשריינקט אויף די פֿעהיגקייט אויסצוקלייבען פֿון אַלע שופֿטען, וואָס האָבען פֿערקויפֿט זייער געוויסען און זייער איבערצייגונג, דיאיעניגע, וועלכע האָבען געקענט אַריינברינגען דעם גרעסטען נוצען. עס איז אַלעמען בעקאַנט, ווי גוט לואי פֿיליפּ האָט עס פֿערשטאַנען זיך צו בענוצען מיט דיזען רעגירונגס מיטעל."

עס איז וואַהר, דאָס אין דערזעלבער צייט, ווען די פֿראַנצויזישע בורזשואַזי האָט געפֿייערט איהרע שמוציגסטע טריאומפֿען, האָבען אין פֿראַנקרייך עקזיסטירט אַ מאַסע סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע גרופּען און שולען: די סענט סימאָניסטען, די פֿוריעריסטען, די פּאָזיטיוויסטען: פ ע ק ע ר און ווידאַל, פֿ ל אָ ר אַ ט ר י ס ט אַ ן, וו י ל ג אַ ר ד ע ל און ט ה אָ ר ע, ז ש אָ ר ז ש ס אַ נ ד און פ י ע ר ל ע ר ו; ב י ש ע או די אַנהיינגער פֿון דעם דעמאָקראַטישען מיסטיציזמוס; ב ל אַ נ ק י, ב אַ ר ב ע ס און ר אַ ס פ אַ א י; די אַנהיינגער פֿון דער „רעפֿאָרם"; די קאָמוניסטען און די אויטאָריטערע באַבעפֿיסטען; ק אַ ב ע ט און ד ע ז אַ מ י און נאָך אַ גאַנצע מאַסע מעהר אָדער וויניגער אויטאָריטערע און רעוואָלוציאָנערע שולען און ריכטונגען. אין דיזען אינטערעסאַנטען קרייז האָט זיך באַקונין

1) קאָנסאָרטעריאַ מיינט אַ פעראייניגונג פֿון מענשען, וועלכע האָבען דיזעלבע אינטערעסען. אין איטאַליען פֿערשטעהט מען אונטער דיזען וואָרט די פֿערקויפֿטע פּאָליטיקער, וועלכע בענוצען דאָס פּאַרלאַמענט פֿאַר זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. (דער איבערזעצער).

בעווענט, וועלכער איז שוין פֿריהער שטענדיג פֿערבונדען געווען מיט די פֿאָרטגעשריטענסטע ריכטונגען און פּאַרטייען — אין רוסלאַנד מיט די פּראָגרעסיווסטע גרופּען און צירקלען; אין דייטשלאַנד מיט די פֿעהיגסטע פֿערטרעטער פֿון דעם פֿילאָזאָפֿישען ראַדיקאַליזמוס; אין דער שווייץ מיט ווילהעלם וויטלינג און די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען געהאַט אַזעלכע נאָהענטע פֿערבינדונגען מיט די איינפֿלוסרייכסטע מיטגלידער פֿון דער פּוילישער עמיגראַציאָן. איבעראַל האָט מען איהם געליבט; אַלע וואָס זיינען מיט איהם בעקאַנט געווען, זיינען צו איהם צוגעצויגען געוואָרען דורך דעם צויבערהאַפֿטען איינפֿלוס פֿון זיין מעכטיגער פּערזענליכקייט. ער איז געווען איינער פֿון יענע זעלטענע מענשען, פֿאַר וועלכע מע וואָלט געקענט אַלעס אַוועקגעבען, אַלעס אייפּאָפּפֿערען.

אין 1843 האָבען די דייטשע רעגירונגען אינטערדריקט די „Deutsche Jahrbuecher" פֿון אַרנאָלד רוגע אין דרעזדען און אין דערזעלבער צייט די „Rheinische Zeitung", וועלכע קאַרל מאַרקס האָט אַרויסגעגעבען אין קעלן. אויס דיזען גרונד האָבען דיביידע דייטשע שריפֿטשטעלער הערויסגעגעבען די „Deutsch-franzoesische Jahrbuecher", וועלכע זיינען אין 1844 אַרויסגעגאַנגען אין פּאַריז. באַקונין איז געווען אַ מיטאַרבייטער פֿון דיזער צייטשריפֿט. קורץ נאָכדעם ווי דיזער זשורנאַל האָט אייפּגעהערט צו ערשיינען, האָט היינריך בערנשטיין פּובליצירט אַ וועכענטליכע צייטונג אין פּאַריז מיט דעם נאָמען „Vorwaerts". די שטענדיגע מיטאַרבייטער פֿון דיזען בלאַט זיינען געווען אַרנאָלד רוגע, קאַרל מאַרקס, דער פּאָעט הערוועג, מיכאַאיל באַקונין, זשאָרזש יוערטה, דר. עווערבעק, ג. וועבער, י. בורגערס און פֿרידריך ענגעלס. אין דיזער פּעריאָדע האָט מאַרקס — נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוקריגט מיט אַרנאָלד רוגע1), וועלכען ער האָט געקריינקט מיט פֿאַלשע בעשולדיגונגען און נידריגע בעליידיגונגען — אָנגעפֿאַנגען אַ געהיימען קריג געגען באַקונין, בעשמוצענדיג איהם אין בריף און

---

1) מאַרקס האָט שטענדיג פֿערלוימדעט און בעשמוצט זיינע געגנער. זיינע פּאָלעמישע אַטאַקען געגען אַרנאָלד רוגע, די ברידער בויער, קאַרל גרין, פּרודהאָן, העניסען, ווילליך און קאַרל פֿאָגט זיינען געווען מוסטער פֿון נידריגער קליינליכקייט און פֿאַלשע בעשולדיגונגען, אָבער זיין קאַמף געגען באַקונין איז געווען דאָס ערגסטע, וואָס ער האָט בעגאַנגען אין דיזער בעציהונג. מאַרקס האָט זיינע געגנער ניט נאָר פֿערלוימדעט און בעשמוצט אין זיינע פּאָלעמישע שריפֿטען, נאָר זאָגאַר אין זיינע וויסענשאַפֿטליכע ווערק, ווי צ.ב.ש. אין זיין „קאַפּיטאַל"; אַזוי שטאַרק איז ביי איהם געווען ענטוויקעלט די שלעכטע אייגענשאַפֿט צו בעליידיגען דיאיעניגע, וועלכע ער האָט געהאַסט. אַלס אַ ביישפּיל ציטירען מיר דאָ די פֿאָלגענדע ווערטער, וועלכע געפֿינען זיך אין דער ערשטער אויסגאַבע פֿון'ם „קאַפּיטאַל", זייטע 613: „אַלעקסאַנדער הערצען, וועלכער איז געווען אַ האַלבער רוסע, אָבער אַ גאַנצער מאָסקוויטער, האָט געוואָלט רעפֿאָרמירען אייראָפּאַ דורך די איינפֿיהרונג פֿון דער רוסישער קנוטע." אין דער צווייטער אויפֿלאַגע פֿון דעם אויבענדערמאָנטען ווערק האָט מען דיזען זאַץ ניט מעהר אַריינגעשטעלט.

קאָרעספּאָנדענצען. קיינער ווייס ניט די אורזאַכע, וואָרום דיזער קריג האָט זיך אָנגעפֿאַנגען, נאָר די מעטהאָדע, וועלכע מאַרקס האָט אָנגעווענדעט אין דיזען קאַמפּף, האָט געהאַט דעם ספּעציעלען צוועק באַקונין'ן טיפֿער צו פֿערוואונדען, ווי עס וואָלט מעגליך געווען אין אַן עפֿענטליכער און פערזענליכער פּאָלעמיק. איין איינציגער מאָמענט האָט דיזען מייסטער אין דער קונסט צו פֿערלוימדען געבאָטען אַ געלעגענהייט צו פֿערגיפֿטען דאָס גאַנצע לעבען פֿון יענעם עדלען מאַן, וועלכער האָט אין יעדען אויגענבליק פֿון זיין שטירמישען דאַזיין געגעבען גלענצענדערע בעווייזע פֿאַר זיין פּאָליטישע עהרליכקייט און זיין רעוואָלוציאָנערע ערענסטקייט, ווי מאַרקס אין דעם ווייניגען.

אין אָנפֿאַנג פֿון'ם יאָהר 1845, אין דערזעלבער צייט ווען מאַרקס האָט שטילערהייט פֿערשפּרייט זיינע גיפֿטיגע בעשולדיגונגען געגען באַקונין'ן, האָט דער רוסישער צאַר אויף דעם פֿערלאַנג פֿון דעם הייליגען סינאָד אַרויסגעלאָזען פֿאָלגענדען אוקאַז: „נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז די הערען גאָלאָווין און באַקונין, מיטגלידער פֿון דער רוסישער אַריסטאָקראַטי, האָבען אין פֿראַנקרייך פּובליצירט רעוואָלוציאָנערע שריפֿטען געגען דער רוסישער רעגירונג; און ווייטער נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט, אַז זיי האָבען ניט געפֿאָלגט דעם קייזערליכען בעפֿעהל — צוריקצוקומען אין זייער פֿאָטערלאַנד, האָבען זיי זיך אַליין אויסגעשלאָסען פֿון אַלע בירגערליכע רעכטע און פֿון זייערע רעכטע אַלס אַריסטאָקראַטען. דערפֿאַר וועט דער שטאַאַט קאָנפֿיסצירען אַלע זייערע גיטער אין רוכלאַנד און אים פֿאַל זיי וועלען צוריקקומען, וועט מען זיי פֿערשיקען נאָך סיביר, וואו זיי וועלען דאַרפֿען בלייבען זייער גאַנצען לעבען לאַנג". אַם 27טען יאַנואַר 1845 האָט באַקונין פֿערעפֿענטליכט אין „La Reforme" אַ בריף, וועלכער בעשעפֿטיגט זיך מיט דיזען אוקאַז:

„מיין פּערזענליכע שטעלונג אין דיזער אַנגעלעגענהייט איז זעהר איינפֿאַך. אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין דייטשלאַנד און דער שווייץ, האָט מען דער רוסישער רעגירונג איבערגעגעבען, דאָס איך בין אַן אינטימער פֿריינד פֿון איניגע דייטשע שריפֿטשטעלער, מיטגלידער פֿון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, דאָס איך האָב געשריבען איניגע אַרטיקלען אין פֿערשידענע צייטשריפֿטען1) און הויפּטזעכליך, דאָס איך בין אַ סימפּאַטיזירער פֿון דער פּונקט אַזוי נאָבעלער ווי אונגליקליכער פּוילישער נאַציאָן און אַן אויסגעשפּראָכענער פֿיינד פֿון דער ברוטאַלער טיראַניי, אונטער וועלכער דאָס פּוילישע פֿאָלק האָט צו ליידען. יעדער איינער קען בעגרייפֿען, דאָס מיינע האַנדלונגען זיינען ניט געווען קיין פֿערברעכען, אָבער פֿאַר אַ רעגירונג ווי די רוסישע, איז דאָס פֿאָלשטענדיג גענוג געווען, אום צו

---

1) באַקונין האָט געשריבען אַרטיקלען אין די „Deutsche Jahrbuecher" פֿון אַרנאָלד רוגע, אין „Der schweizerische Republikaner" און אין די „Deutsch-franzoesische Jahrbuecher" פֿון רוגע און מאַרקס. Nettlau II, 252.

פּאַסען אַזאַ בעשלוס. אויס דיזען גרונד האָט זי מיר צוגעשיקט דעם בעפעהל, זאָפאָרט צוריקצוקומען נאָך פעטערסבורג, מיט דער דראָהונג, דאָס אים פאַל איך וועל ניט פאָלגען דעם בעפעהל, וועט מען אַנווענדען געגען מיר די פולע שטרייִנגקייט פון די געזעצע. איך האָב גוט געוואוסט, וואָס איך האָב צו ערוואַרטען, ווען איך וואָלט צוריקגעגאַנגען, און דערפאַר האָב איך בעסער פאָרגעצויגען די ריינע לופט פון וועסט-אייראָפּאַ, איידער צוריקצוגעהן אין די שטיקענדע אַטמאָספערע פון רוסלאַנד, פון וועלכע איך האָב מיר שוין לאַנג געוואָלט אָבזאָגען. איך האָב אַלזאָ געענטפערט מיט דער ערקלעהרונג, דאָס איך וועל ניט צוריקגעהן, וויסענדיג די קאָנזעקווענצען פון אַזאַ ערקלעהרונג, דען לויט די געזעצע פון מיין געוועזענעם פאָטערלאַנד איז מיין ענטזאַגען זיך צו פאָלגען דעם בעפעהל פון דער רעגירונג, אַזאַ שרעקליכער פערברעכען געגען די מאַיעסטעט פון׳ם קייזער, דאָס מע האָט אַרויסגעלאָזט געגען מיר אַן אוקאַז, אין וועלכען די רעגירונג נעהמט אַוועק פון מיר מיין אַריסטאָקראַטישען טיטעל און אין דערזעלבער צייט פעראורטהיילט זי מיך צו אַ לעבענס-לייִנגליכען אייפענטהאַלט אין סיביר; אָבער אָפען געזאָגט, זיינען דיזע ביידע בעשליסע פון דעם הייליגען סינאָד פאַר מיר פערזענליך גאָר קיין שטראַפע ניט, דער ערשטער בעשלוס איז פאַר מיר אַ ווירקליכע וואָהל-טהאַט און דער צווייטער איז פאַר מיר אַן אורזאַכע מעהר זיך צו פרעהען, וואָס איך לעב יעצט אין פראַנקרייך.״

באַקונין האָט זיך אפילו ניט לאַנג געהאַט צו פרעהען מיט דעם גליקליכען צופאַל, וועלכער האָט איהם ערלויבט צו לעבען אין פּאַריז; דען די רוסישע רעגירונג האָט באַלד געשיקט אַן פראַנקרייך אַ געהיימע נאָטע, אין וועלכער זי האָט אויפגעפאָדערט די פראַנצויזישע רעגירונג איהם צו פערפאָלגען. אַ געלעגענהייט האָט זיך באַלד געמאַכט, ווען באַקונין האָט געהאַלטען זיין בעריהמטע רעדע אין דער גרויסער פערזאַמלונג פון די פּוילישע עמיגראַנטען, וועלכע איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דער רי סענט האָנאָרע, נומער 352 אַם 29טען נאָוועמבער 1847. אין אַ בריף, וועלכען באַקונין האָט געשריבען מיט פילע יאָהרען שפּעטער, און וועלכער איז ביז יעצט נאָך ניט פערעפענטליכט געוואָרען,1) האָט ער בעשריבען דיזע מערקווירדיגע פערזאַמלונג מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„אים נאָוועמבער 1847 האָבען די פּוילישע עמיגראַנטען אין פּאַריז אָרגאַניזירט אַ גרויסע פערזאַמלונג, אַזוי ווי זיי פלעגען טהאָן אַלע יאָהר, אום צו פייערען דעם אַנדענקונג פון זייער רעוואָלוציאָן. איך, זייענדיג איינער פון די אַלטע עמיגראַנטען, וועלכער איז שוין בעקאַנט געווען דעם אַלגע-געמיינען פּובליקום, בין אויסגעקליבען געוואָרען צו האלטען אַ רעדע אין דיזער פערזאַמלונג, אום עפענטליך אויסצודריקען איינע פון די אונבע-

1) בריף פון באַקונין אַן י. פאַנעלי, געשריבען אַם 29טען מאַי 1867. Nettlau I, 76.

שטרייטבאַרסטע וואַהרהייטען: נעמליך, דאָס די אינטערעסען פֿון דעם רוסישען קייזער־רייך, די אינטערעסען פֿון'ם צאַריזמוס און די לעבענס בעדירפֿניסע פֿון די רוסישע און ניט רוסישע פֿעלקער, וועלכע לעבען אונטער דער רוסישער הערשאַפֿט, זיינען אַנטאַגאָניסטיש איינע צו די אַנדערע; דאָס די מאַכט פֿון'ם צאַריזמוס איז אין דער ווירקליכקייט אַ הינדערניס געגען די פֿרייהייט, דאָס גליק און דעם אַלגעמיינען וואָהלשטאַנד פֿון דיזע פֿעלקער, און דאָס דער טריאומף פֿון דער פוילישער רעוואָלוציאָן וואָלט געווען אַ טויטקלאַפּ געגען דעם גאַנצען רוסישען דעספּאָטיזמוס און אין דערזעלבער צייט דאָס גרעסטע גליק פֿאַר אַלע פֿעלקער, וועלכע זיפֿצען געגענווערטיג אונטער דעם שווערען יאָך פֿון דער רוסישער טיראַניי. אויס דיזען גרונד האָב איך פֿאָרגעשלאָגען די פוילען אין נאָמען פֿון דער רוסישער דעמאָקראַטי די גרינדונג פֿון אַ רעוואָלוציאָנערע אַליאַנץ. מאַכענדיג דיזען פֿאָרשלאַג, האָב איך נאַטירליך אַטאַקירט ניקאָלאַי־דעם ערשטען, וועמענס אייזערנע האַנד האָט אונז אַלע אונטערדריקט; מיר אַלע האָבען מעהר אָדער וויניגער געליטען פֿון זיין טיראַניי, ער האָט געשפּילט מיט דעם גליק און לעבען פֿון אַלע זיינע אונטערטהאַנען און איז געווען דער הענקער פֿון אונצעהלבאַרע אָפּפֿערס. דאַמאָלסט האָב איך מיר נאַטירליך נאָך ניט געקענט פֿאָרשטעלען, אַז ניקאָלאַי קען גאָר געפֿינען אַ קאָנקורענט, וועלכער זאָל נאָך בעסער פֿערשטעהען פֿון איהם די פּאָליטיק פֿון בלוט און שענדליכקייטען. זיין זוהן און נאָכפֿאָלגער, אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אונז געצייגט, דאָס ער איז אין דיזער בעציהונג נאָך פֿעהיגער, ווי זיין פֿאָטער; דען אין די פֿינף יאָהר, וועלכע ער האָט ביז יעצט רעגירט, פֿון 1862 ביז 1867, האָט ער צעהנמאָל אַזוי פֿיל אָפּפֿערס בערויבט, בעגראָבען אין די קערקערס, פֿערשיקט נאָך סיביר, געמאַרטערט און ערמאָרדעט, רוסען און פוילען, מענער, פֿרויען, קינדער און אַלטע, ווי זיין שרעקליכער פֿאָטער האָט עס ניט געטהאָן וועהרענד זיין 30 יעהריגער רעגירונגס־צייט; און דאָך איז ניקאָלאַי פֿון אַלעמען — און מיט רעכט — פֿערהאַסט געוועזען, וועגען זיין ברוטאַלע גרויזאַמקייט. אין יענער צייט, ווען איך האָב געהאַלטען מיין ערשטע רעדע, האָט די רעאַקציאָן בעהערשט גאַנץ פֿראַנקרייך. גיזאָ און דער גראַף פֿאָן דישאַטעל זיינען דאַן געווען מיניסטאָרען, דער איינער פֿאַר די אויסערליכע און דער אַנדערער פֿאַר די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. לואי פֿיליפּ האָט מורא געהאַט פֿאַר דער רעוואָלוציאָן; דורך אַ סיסטעם פֿון סיסטעמאַטישער און פּלאַנמעסיגער קאָררופּציאָן, וועלכעס ער האָט אויפֿגעהאַלטען 17 יאָהר לאַנג מיט גרויסער געשיקליכקייט, האָט ער ביסלעכוויז דעמאָראַליזירט די גרויסע מאַיאָריטעט פֿון די 300.000 וועהלערס, וועלכע האָבען דאַמאָלסט פֿאָרמירט דאָס זאָגענאַנטע „געזעצליכע לאַנד";(1) די ביידע פּאַרלאַמענטען זיינען פֿאָל־

(1) אונטער דער רעגירונג פֿון לואי פֿיליפּ איז דער אויסדרוק „דאָס געזעצליכע לאַנד"

שטענדיג פֿערשקלאַפֿט געווען פֿון דער קעניגליכער מאַכט, פונקט ווי מיר־
זעהען עס היינט,[1] און אַלע האָבען געשטימט בלינדערהייט, אַזוי ווי די
מיניסטאָרען האָבען געפֿאָדערט. שטיצענדיג זיך אויף דיזע קאָרומפּירטע
מאַיאָריטעט, האָט די רעגירונג געגלויבט, אַז זי קען אָנגעשטראָפֿט טרעטען
די מענשליכע ווירדע פֿון 30 מיליאָן איינוואָהנער מיט די פֿיס, ניט
קוקענדיג אויף די פֿאָדערונגען, די ליידען און די אַלגעמיינע אונצופֿרידענהייט
פֿון אַ גאַנצען פֿאָלק, פֿון וועלכעם מען האָט אַוועקגערויבט זיינע פּאָליטישע
רעכטע. אין זיין אינערליכע פּאָליטיק האָט פֿראַנקרייך דאַמאָלסט אויס־
געזעהען ווי אַ ריכטיגער דעספּאָטישער שטאַאַט. אין אויסלאַנד האָט גיזאָ
שטאָלצירט, וואָס עס איז איהם געלונגען צו בעשטימען די הייראַטס־
פֿערבינדונג פֿון די שפּאַנישע קעניגע און ער האָט זיך איינגעבילדעט,
אַז ער האָט ווידער אויפֿגעפֿרישט די אַלטע טראַדיציאָנען פֿון דער גרויסער
פֿראַנצויזישער פּאָליטיק און געשאַפֿען אין פֿראַנקרייך ענגליכע פּאָליטישע
צושטענדע ווי אונטער לואי דעם 14טען. גיזאָ האָט צוריסען די אַליאַנץ
מיט ענגלאַנד, וועלכע די עפֿענטליכע מיינונג האָט בעטראַכטעט אַלס די
נויטווענדיגע גאַראַנטי פֿאַר אַ ליבעראַלע פּאָליטיק און האָט אָנגעווענדעט
אַלע מעגליכע מיטלען, אום צו ערהאַלטען די פֿריינדשאַפֿט פֿון די דריי
דעספּאָטישע שטאַאַטען אים נערדליכען טהייל פֿון אייראָפּאַ. עס איז
געווען דיזלעבע פעריאָדע, ווען די ראַדיקאַלע שווייצער קאַנטאָנען האָבען
אָנגעפֿיהרט דעם קריג געגען „זונדערבונד" און ווען עס האָבען זיך אַרויס־
געציינט די ערשטע סימפּטאָמען פֿון דעם איטאַליענישען אויפֿשטאַנד. די
דיפּלאָמאַטי פֿון דער זאָגענאַנטער „הייליגער אַליאַנץ"[2] האָט זיך נאַ־
טירליך בענוצט מיט דער נידריגער געזינונג פֿון די פֿראַנצויזישע
מיניסטאָרען און צוזאַמען מיט זיי האָט זי געשלאָסען אַ געהיימען בונד
געגען די פֿרייהייט פֿון אייראָפּאַ."

באַקונין, וועלבער האָט געשפּראָכען אין נאָמען פֿון דעם פֿאָרטגעשריי־
טענסטען טהייל פֿון׳ם רוסישען פֿאָלק, האָט זיך געווענדעט צו די פּוילישע
ברידער, פונקט ווי אין 1824 די נאָבעלע מערטירער פֿון די דעקאַבריסטען
האָבען עס געטהאָן, אום געמיינשאַפֿטליך צו בעקעמפּפֿען דעם דעספּאָ־
טיזמוס און די טיראַניי און צו עראָבערען די פֿרייהייט און אונאַבהייניגקייט:

אָנגעווענדעט געוואָרען אין אַ סאַטירישען זין, און געוועהנליך האָט מען פֿערשטאַנען
אונטער דיזע ווערטער די הערשאַפֿט פֿון דער פּאָליטישער קאָרופּציאָן. (דער איבערזעצער.)

1) מיר מאַכען די לעזער אויפֿמערקזאַם, אַז באַקונין האָט געשריבען דיזען בריף,
ווען נאַפּאָלעאָן דער דריטער איז געווען קייזער פֿון פֿראַנקרייך. (דער איבערזעצער.)

2) די „הייליגע אַליאַנץ" איז געווען אַ פֿעראייניגונג צווישען די קעניגע פֿון פּרייסען,
עסטרייך און רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו פֿערניכטען די
רעוואָלוציאָנערע אידעען, וועלכע די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט געבאָרען און די
פֿעלקער ווידער צוריק צו פֿיהרען אין די פֿינסטערע צייטען פֿון׳ם מיטעלאַלטער.
(דער איבערזעצער.)

פֿאַר 60 מיליאָן מענשען, וועלכע לײדען אונטער דעם אײזערנעם יאָך פֿון דעם רוסישען צאַריזמוס. די פֿאָלגענדע ווערטער בילדען דעם שלוס פֿון זײן גלענצענדער רעדע: „די פֿערברידערונג צווישען רוסלאַנד און פוילען איז אַ גרויסעס און עדלעס ווערק, וועלכעס פֿערדינט, אַז מיר זאָלען אָפּפֿערען אַלע אונזערע לעבענס-קרעפֿטע פֿאַר דיזען צוועק. עס איז די עמאַנציפּאַציאָן פֿון 60 מיליאָן מענשען, די בעפֿרײאונג פֿון אַלע סלאַווישע פֿעלקער, וועלכע שמאַכטען אונטער אַ פֿרעמדען יאָך, און עס איז די פֿערניכטונג, דער שטורץ פֿון דעם דעספּאָטיזמוס אין אײראָפּאַ. ווען וועט ער ענדליך קומען, דער גרויסער טאָג פֿון דער פֿערברידערונג, דער טאָג, ווען אַלע רוסען, פֿעראײניגט מיט אײך דורך דיזעלבע געפֿיהלען און עמפּפֿינדונגען, וועלען קעמפּפֿען אויס דעמזעלבען גרונד ווי איהר געגען דעם געמײנשאַפֿטליכען פֿײנד אונטער דעם קלאַנג פֿון דעם פוילישען נאַציאָנאַלגעזאַנג, וועלכער איז אין דערזעלבער צײט דאָס ליד פֿון דער סלאַווישער פֿרײהײט: Jeszcze Polska nie zginela!

דיזע רעדע, וועלכע איז אַם 5טען דעצעמבער 1847 צום ערשטען מאָל פֿאָלשטענדיג פּובליצירט געוואָרען אין דער פּרעסע, האָט אַרויסגערופֿען אַן אונגעהײערע אויפֿרעגונג. אויף דעם וואונש פֿון דער רוסישער געזאַנדטשאַפֿט אין פּאַריז האָט דאָס פֿראַנצויזישע מיניסטעריום אויפֿגעפֿאָדערט באַקונין'ן צו פֿערלהזען פֿראַנקרײך; באַקונין האָט געפֿאָדערט, אַז מע זאָל איהם אָנגעבען דעם גרונד פֿון דיזען בעשלוס, אָבער קײנער פֿון די מיניסטאָרען האָט ניט געענטפֿערט זײנע בריף. דער דעפּוטירטער היפּאָליט וואַוויאי האָט דעם מיניסטער גיזאָ געשריבען אַן ענערגישען בריף, אין וועלכען ער האָט איהם אָנגעזאָגט, דאָס ער האָט די אַבזיכט צו אינטערפּעלירען וועגען דיזער אַנגעלעגענהײט און אין דערזעלבער צײט האָט ער ערקלעהרט, דאָס ער וועט ניט אויפֿהערען צו אַגיטירען פֿאַר די אָבשאַפֿונג פֿון דעם זאָגענאַנטען „געזעץ געגען די פֿערדעכטיגע", וועלכעס איז נאָך איבערגעבליבען אַלס אַ טרויעריגע ירושה פֿון דעם דירעקטאָריום.1) אַם 10טען יאַנואַר 1848 האָט דער גראַף ד'אַלטאָן שעע אין סענאַט געשטעלט די פֿראַגע, אויב דאָס מיניסטעריום האָט געהאַנדעלט אים אויפֿטראַג פֿון דער רוסישער געזאַנדטשאַפֿט אָדער אין אַ מאָמענט פֿון ספּאָנטאַנער נידריגקײט, און אויב דער מיניסטער-פּרעזידענט האָט אין דיזער אַנגעלעגענהײט געשפּילט די ראָלע פֿון אַ געהאָרכזאַמען דינער אָדער פֿון אַ העפֿליכען מאַן.2) אַם 4טען פֿעברואַר, ווען גיזאָ האָט געענטפֿערט אויף דער אינטערפּעלאַציאָן פֿון היפּאָליט וואַוויאי און פֿערדינאַנד לאַסטערי, האָט ער ציטירט די פֿאָלגענדע שטעלע

1) דאָס דירעקטאָריום איז געוועזען די פֿראַנצויזישע רעגירונגס-פֿאָרם, אײדער נאַפּאָלעאָן דער ערשטער איז געוואָרען ערשטער קאָנסול און שפּעטער קײזער פֿון פֿראַנקרײך.

2) D'Alton Shee, Souvenirs de 1847 - 48. I, 95. — Nettlau I, 77.

אויס באַקונין'ס רעדע: „אייער ברודער, מיינע פריינדע, איהר הערט, דער קייזער ניקאָליי, אייער ברודער, דער טיראַן און אונטערדריקער, אייער ערגסטער געגנער, דער פערזענליכער פיינד פון פוילען, דער היינקער פון אַזוי פיל אונשולדיגע אָפּפער, דער רויבער פון אייער פרייהייט, דער יעניגער, וועלכער פערפאָלגט אייך מיט אַ העלישער גרויזאַמקייט אויס אינסטינקטיווען האַס און אויס פּאָליטישער בערעכנונג — קען דיזער מאַן ווירקליך זיין אייער ברודער?" און שטיצענדיג זיך אויף דיזע ווערטער האָט גיזאָ ערקלעהרט אין פּאַרלאַמענט, אַז דיזע שטעלע און אַנדערע עהנליכע זיינען געווען די אורזאַכע, וואַרום די רעגירונג האָט באַקונין'ן אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך. דישאַטעל, דער מיניסטער דער אינערען, האָט בעהאַנדעלט די אויסווייזונג פון דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער מיט איינִיגע אונבעשטימטע, היפּאָקריטישע פראַזען. ווען דער אינערליכער ווידערשפּרוך צווישען די רעדען פון דיביידע מיניסטאָרען האָט זיך אימער דייטליכער אַרויסגעצייגט, האָט גיזאָ איינפאַך געענטפערט מיט די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע זיינען געווען אַ דירעקטע בעליידיגונג פאַר באַקונין'ן: „די רעגירונג האָט געהאַט גענוג אורזאַכען, צו בעשליסען די אויסווייזונג פון דיזען מאַן, נאָר איך קען און וויל ניט אָנגעבען דיזע אורזאַכען."

באַלד נאָכדעם האָט באַקונין, וועלכער איז אָבגעפאָהרען נאָך בריסעל, געשריבען אַ בריף אַן דעם גראַף דישאַטעל, אין וועלכען ער האָט זיך בעקלאָגט — ניט דערפאַר, וואָס מע האָט איהם פערבאָטען צו לעבען אין פראַנקרייך, דען דאָס איז פאַר איהם געווען גאַנץ נאַטירליך — נאָר דערפאַר, וואָס דער מיניסטער האָט זיך ענטזאַגט עפענטליך אָנצוגעבען די מאָטיווען פון דיזער מאַסרעגעל געגען איהם. דער מיניסטער האָט געהאַנדעלט ווי ער פלעגט געוועהנליך האַנדלען אין אַזעלכע אַנגעלעגענ־הייטען — ער האָט דעם בריף איגנאָרירט און האָט איינפאַך ניט געענטפערט. צוויי וואָכען שפּעטער האָט די רעוואָלוציאָן איהם אַוועקגעטריבען צוזאַמען מיט זיינע איבריגע געגנאָסען.

און וואָס זיינען ווירקליך געווען די געהיימע מאָטיווען, פון וועלכע דער מיניסטער האָט גערעדט? די פראַנצויזישע רעגירונג האָט געבעטען אויסקינפטע וועגען באַקונין ביי דער רוסישער געזאַנדטשאַפט און קיסעלעף, דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז האָט געענטפערט ווי פאָלגט: „באַקונין איז אַ מאַן, וועלכער האָט אַ געוויסען טאַלאַנט, ער איז געווען אַן אָפיציר אין דער רוסישער אַרמעע, אָבער ער האָט שוין מיט פילע יאָהרען צוריק אויפגעגעבען דיזע שטעלונג און מיר קענען אונמעגליך ערלויבען, ער זאָל ווייטער קענען וואוינען אין פּאַריז." קיסעלעף האָט אויך פערזוכט צו פערשפּרייטען צווישען די רוסישע עמיגראַנטען די פערלוימדונג, אַז באַקונין איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ רוסישער פּאָליציי אַגענט. און ווער איז געווען דיזער קיסעלעף?

און אינטימער פֿריינד פֿון דער פֿאַמיליע פֿאָן וועסטפֿאַלען און דזשעני וועסטפֿאַלען איז געווען די פֿרוי פֿון קאַרל מאַרקס.1)

II.

באַקונין איז נאָך פֿערבליבען איין מאָנאַט אין בריסעל; פֿון דאָרט האָט ער געשריבען צו הערוועג און אַנגענקאָוו, דאָס מאַרקס, ענגעלס און באָרנשטעדט, וועלכע זיינען שוין בעפֿאָר איהם אָנגעקומען אין בעלגיען, בעשעפֿטיגען זיך מיט זייערע געוועהנליכע אינטריגעס און דאָס עס איז איהם אונמעגליך פֿריי צו אָטהעמען אין דיזען צירקעל פֿון העסליכע ליגענס און פֿערלוימדונגען; אוים דיזען גרונד האָט ער זיך שטענדיג געהאַלטען פֿון דער וויטען און איז אויך ניט אַריינגעטראָטען אין די „קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט", וואו די דייטשע בורזשואַ-דעמאָקראַטען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און האָבען געשמידט קאָמפּלאָטען געגען אַלע די, וועלכע זיינען זיי געשטאַנען אין וועג. באַקונין איז געווען דאָס ציל פֿון זייערע נידריגסטע פֿערלוימדונגען.

גלייך ווען עס איז געקומען די ערשטע נאַכריכט פֿון דעם אויסברוך דער פֿעברואַר רעוואָלוציאָן אין פּאַריז, האָט באַקונין פֿערלאָזען בריסעל און איז צוריק אַוועק אין די פֿראַנצויזישע הויפּטשטאָדט, וואו ער האָט זיך זאָפֿאָרט פֿעראייניגט מיט די ראַדיקאַלע עלעמענטען פֿון קאָזסידיער אין דער פֿאָרשטאָדט סענט אַנטואַן. אָבער דער נייער רעגירונגס-אַפּאַראַט פֿון אַפּריל, די הערען פֿלאָט, פֿלאָקאָן און אַראַגאָ האָבען איהם באַלד בעפֿרייט פֿון אַלע אילוזיאָנען און ער האָט אָבגערייזט נאָך ברעסלוי, אום צו זיין נאָהנט פֿון רוסלאַנד. אויף דעם וועג האָט ער בעריהרט די פֿאָלגענדע שטעדט: שטראַסבורג, פֿראַנקפֿורט, קעלן, בערלין און לייפּציג. עס איז ניט אונזער אויפֿגאַבע צו געבען אַ לעבענסבעשריי-בונג פֿון באַקונין, דערפֿאַר וועלען מיר איצט ניט ריידען פֿון די פֿערשידענע און וויכטיגע איינצעלהייטען פֿון זיין רייזע, נאָר איין זאַך מוזען מיר נאָך בעמערקען, דאָס אין דער צייט ווען ער איז געווען אין קעלן, האָט ער אָבגעבראָכען די לעצטע בעציהונגען מיט מאַרקס, צוליב אַ סטרייט צווישען דיזען און דעם בעקאַנטען רעוואָלוציאָנערען דיכטער זשאָרזש הערוועג. אין אַ מאַנוסקריפּט, וועלכער איז ביז יעצט נאָך ניט פּובליצירט געוואָרען, רעדט ער וועגען דיזער אַנגעלעגענהייט ווי פֿאָלגט:

„אין 1848 האָב איך געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט מאַרקס וועגען איניגע מיינונגספֿערשידענהייטען און ער האָט ערקלעהרט, דאָס ער איז נערעכטער פֿון מיר. מאַרקס האָט זיך אין דיזער צייט גראָדע בעשעפֿטיגט

1) Nettlau, I.

מיט דער גרינדונג פֿון קאָמוניסטישע גרופּען צווישען די דייטשען אין בריסעל און פּאַריז, און האָבענדיג פֿערבינדונגען מיט די פֿראַנצויזישע קאָמוניסטען און מיט אַ פּאָר ענגלישע סימפּאַטיזירער, האָט ער מיט דער הילפֿע פֿון זיין פֿריינד און גענאָסע פֿרידריך ענגעלס פֿאָרמירט זיין ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע פֿעראייניגונג אין לאָנדאָן. אין דעם נאָמען פֿון דיזער פֿעראייניגונג האָט ער צוזאַמען מיט פֿרידריך ענגעלס אַרויסגעגעבען אַ וויכטיגע פּרינציפּען־ערקלעהרונג. וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט". אין דיזער פּעריאָדע האָב איך מיך מיט ענטוזיאַזמוס אַריינגעוואָרפֿען אין די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג פֿון אייראָפּאַ און די נעגאַטיווע זייט פֿון דער רעוואָלוציאָן האָט דאַן פֿאַר מיר געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע ווי די פּאָזיטיווע זייט, ד.ה. פֿאַר מיר איז וויכטיגער געווען צו צושטערען דאָס וואָס האָט עקזיסטירט, ווי די פֿאָרמולירונג און אָרגאַניזאַציאָן פֿון דעם וואָס זאָל צוערשט אָנפֿאַנגען צו עקזיסטירען. איך וויל יעצט ניט שטרייטען ווער עס איז גערעכט געווען פֿון אונז ביידען, נאָר איין פּונקט האָט יאָ עקזיסטירט, אין וועלכען איך האָב געוויס רעכט געהאַט. זייענדיג אַ מיטגליד פֿון דער סלאַווישער ראַסע איז מיין פֿאָדערונג געווען צו בעפֿרייען די סלאַווישע פֿעלקער פֿון דעם דייטשען יאָך אַלס אַ מיטעל פֿאַר דעם זיג פֿון דער רעוואָלוציאָן; ד.ה. איינע פֿון מיינע וויכטיגסטע צילען איז דאַן געווען די צושטערונג פֿון דער רוסישער, עסטרייכישער, פּרייסישער און טירקישער מאָנאַרכי און די רעאָרגאַניזאַציאָן פֿון די פֿעלקער פֿון אונטען נאָך אויבען אויף דעם פֿונדאַמענט פֿון זייער אייגענער פֿרייהייט און פֿאָלשטענדיגער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלייכהייט; אָבער נאָך מיין מיינונג האָט דיזער פּראָצעס פֿון רעגענעראַציאָן געדאַרפֿט געמאַכט ווערען פֿון די מאַסען אַליין און ניט דורך די קראַפֿט פֿון אַן אויטאָריטעט, ווי רעוואָלוציאָנער און אינטעליגענט זי זאָל ניט זיין."

„פֿון דיזען מאָמענט אָן האָט זיך דייטליך אַרויסגעצייגט די פֿערשידענהייט פֿון דיביידע סיסטעמען, וועלכע האָבען אונז געטרענט, און וועלכע האָבען מיר געמאַכט נאָכדיינקען. מיינע אידעען און בעשטרעבונגען זיינען מאַרקס'ן ניט געפֿעלען געוואָרען, ערשטענס: דערפֿאַר ווייל זיי זיינען ניט געווען די זייניגע; און צווייטענס ווייל ער אַלס דייטשער פּאַטריאָט האָט ניט געוואָלט צוגעבען און וויל היינט נאָך ניט צוגעבען, אַז די סלאַווען זאָלען זיך בעפֿרייען פֿון דעם דייטשען יאָך; נאָך זיין מיינונג האָבען די דייטשען די היסטאָרישע אויפֿגאַבע צו ציוויליזירען די סלאַווישע פֿעלקער, ד. ה. זיי צו גערמאַניזירען לאַנגזאַם און ביסלעכוויז אָדער מיט געוואַלד."

מיר בעגעגענען זיך אַלזאָ ווידער מיט באַקונין'ן אין ברעסלוי, וואו ער האָט געפֿונען אַ געלעגענהייט צו נעהמען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין די אַרבייטען פֿון דער „דעמאָקראַטישער געזעלשאַפֿט" און פֿון דעם „סלאַוויש־

פוילישען קאָנגרעס", וועלכער איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דיזער שטאָדט.

אין דערזעלבער צייט, ווען דער אַלגעמיינער סלאַווישער קאָנגרעס האָט שטאַטגעפונדען אין פראַג, האָט מאַרקס געשליידערט אַ נייע פערליימדונג געגען באַקונין'ן.

נאָר איידער מיר וועלען בעהאַנדלען דיזע טרויעריגע מהאַטזאַכע, איז נויטיג צו געבען אַ קורצען איבערבליק איבער דעם כאַראַקטער פון דיזען קאָנגרעס. צווישען די איבערגעבליבענע פאַפּירען פון באַקונין'ן געפינט זיך אַ מאַנוסקריפּט, אין וועלכען ער האָט בעשריבען דעם קאָנגרעס אין פראַג מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„אין 1848 האָט שטאַטגעפונען דער ערשטער קאָנגרעס פון די סלאַווישע פעלקער אין פראַג, וועלכער — מיר בעמערקען דאָס אויסדריקליך — איז דירעקט איינבערופען געוואָרען פון דעם גראַף פ אָ ן ט ה ו ן, פון פ א ל א ק י און ר י ג ע ר[1]) מיט דער רעאַקציאָנערער אַבזיכט צו גרינדען אַ מעכטיגען טשעכישען שטאַאַט אונטער דעם סצעפּטער פון דער האַבסבורגער דינאַסטי; (עסטרייכישע מאָנאַרכי) אָבער דורך אונזערע געמיינשאַפטליכע אַנשטריינגונגען און צו פערדאַנקען דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט, וועלכער האָט דורכגעדרונגען דאָס פאָלק און די פראַגער יוגענד, האָט דער קאָנגרעס בעקומען אַ גאַנץ ענטגעגענגעזעצטען כאַראַקטער, ווי זיינע איינבערופער האָבען עס געוואונשען; און די עסטרייכישע זעלנער האָבען באָמבאַרדירט דאָס פערזאַמלונגס-לאָקאַל און פונאַנדערגעיאָגט די דעלעגאַטען."

„אויף דיזען קאָנגרעס, וועלכער איז אויף דאָס ביטערסטע אַטאַקירט געוואָרען פון דער פאַנסלאַוויסטישער פאַרטיי, ד. ה. פון יענער פאַרטיי, וועלכע איז דירעקט בעגינסטיגט געוואָרען פון סט. פעטערסבורג, האָב איך קלאָהר און דייטליך בעוויזען די נויטווענדיגקייט פון דער צושטערונג פון'ם רוסישען קייזעררייך, אום צו פערזיכערען די פרייהייט פון אייראָפּא, צו בעפרייען די סלאַווען פון עסטרייך און דער טירקיי, און אום צו געבען די רוסישע פעלקער אַ געלעגענהייט זיך צו עמאַנציפּירען, וועלכע שמאַכטען אונטער דער הערשאַפט פון דעם צאַריזמוס ווי געפאַנגענע אין אַ שרעקליכען קערקער. עס איז וואַהר, אַז מיין רעדע איז געווען ווייניג צערעמאָניעל און אין דערזעלבער צייט, ווען איך האָב אַטאַקירט די שטרעבונגען פון די אָפיציעלע רוסלאַנד, האָב איך אויך בעקעמפּט די עהרגייציגע ווינשע פון די דייטשע פאַטריאָטען; איך האָב עפענטליך ערקלעהרט, דאָס צוזאַמען מיט דער רוסישער מאָנאַרכי מוז אויך צושטערט ווערען די עסטרייכישע און פּרייסישע דינאַסטי, און פאַר דיזער מיינונג האָבען מיר די קאָנסטיטוציאָנעלע און דעמאָקראַטישע פאַטריאָטען אין

---

[1]) טהון, פאַלאַקי און ריגער זיינען געווען דריי רעאַקציאָנערע עסטרייכישע שטאַאַטס-מענער. (דער איבערזעצער.)

דייטשלאַנד קיין מאָל ניט געקענט מוחל זיין. אין דעם פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט און אין די איבעריגע פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפטען פון די פערשידענע דייטשע שטאַאַטען האָבען זיי געטרוימט פון אַ גרויסען גערמאַנישען קייזעררייך און די ווירקונג פון דיזען טרוים איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס זיי האָבען אין גאַנצען פערגעסען, אַז די עקזיסטענץ פון אַזאַ שטאַאַט איז אַ דירעקטער ווידערשפּרוך מיט די איינפיהרונג פון ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע אינסטיטוציאָנען."

באַקונין און די איבריגע דעלעגאַטען פון דעם סלאַווישען קאָנגרעס זיינען קוים מיט'ן לעבען ענטלאָפען פון דעם קאַמף מיט די עסטרייכישע זעלנער, ווען מאַרקס האָט פּובליצירט אין דער „נייער רהיינישער צייטונג" אַ „פּאַריזער קאָרעספּאָנדענץ", וועלכע האָט ענטהאַלטען אַ נידערטרעכטיגע און פייגע פערלוימדונג געגען דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער. מיר ציטירען דאָ די בעטרעפענדע שטעלע פון דיזער קאָרעספּאָדענץ, וועלכע איז ערשינען דעם 6טען יולי 1848: „עס איז נויטווענדיג, אַז מיר זאָלען פון יעצט אָן שיינקען מעהר אויפמערקזאַמקייט צו די קעמפפע פון דער סלאַווישער ראַסע אין בעהמען, אונגאַרן און פּוילען און בעסער אָבוועגען אונזער אורטהייל וועגען דיזער פראַגע. אַלס אַ בעווייז ווער עס מאַכט אייגענטליך די סלאַווישע פּראָפּאַגאַנדאַ, האָט מען אונז פערזיכערט, אַז זשאָרזש סאַנד[1]) בעזיצט פּאַפּירען און דאָקומענטען, וועלכע קאָמפּראָמיטירען גאַנץ געפעהרליך דעם רוסישען עמיגראַנט באַקונין און בעווייזען, דאָס ער איז אַן אינסטרומענט אין די הענד פון דער רוסישער רעגירונג אָדער אַ בעצאָהלטער אַגענט, וועלכער איז צום גרויסען טהייל פעראַנטוואָרטליך פאַר די פערפאָלגונגען פון די אונגליקליכע פּוילען, וועלכע האָבען אין לעצטער צייט שטאַטגעפונען. מיר פערזענליך האָבען ניט וואָס אויסצוזעצען אין דער גרינדונג פון אַ סלאַווישען קייזעררייך, אָבער ניט דורך דעם פערראַטהע פון די פּוילישע פּאַטריאָטען, וועלכער איז געווען די קאָנזעקווענץ פון דער סלאַווישער בעוועגונג."

דעם 9טען יולי 1848 האָט באַקונין געענטפערט אויף דיזע אַנקלאַגע מיט דעם פאָלגענדען בריף, וועלכער איז פּובליצירט געוואָרען אין דער "Allgemeine Oder-Zeitung" אין ברעסלוי:

„ווערטהער הערר רעדאַקטאָר! איך האָב בעמערקט, אַז מען האָט אָנגעפאַנגען אין דער לעצטער צייט צו פערשפּרייטען פערלוימדערישע בעהויפּטונגען געגען מיך און וועגען מיין אויפהאַלטען זיך אין ברעסלוי; עס איז זעהר טרויעריג, וואָס מיינע אַבזיכטען זיינען אַזוי פאַלש פערשטאַנען געוואָרען. טראָצדעם בין איך אימער געווען דער מיינונג, דאָס עס איז בעסער צו שווייגען און אין גאַנצען צו איגנאָרירען דיזע געמיינע, ניכטסווירדיגע

[1]) זשאָרזש סאַנד איז געווען אַ בעריהמטע פראַנצויזישע ליטעראַטין מיט סאָציאַליסטישע אידעען. זי האָט הויפּטזעכליך אַגיטירט פאַר די עמאַנציפּאַציאָן פון די פרויען.
(דער איבערזעצער.)

און אַנאָנימע פֿערלוימדונגען, וועלכע מע האָט בעהאַלטענערהייד געבראַכט אין דער עפֿענטליכקייט; און אויסערדעם בין איך געצוואונגען געווען דורך מיין לאַגע און צוליב דער זאַכע, וועלכע איך פֿערטרעט ניט אַרויס־צורופֿען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם אַלגעמיינעם פובליקום;1) און דאַן גיט עס נאָך אַ דריטע אורזאַכע, וואָרום איך האָב געשוויגען, און דאָס איז די וויכטיגסטע פֿון אַלע: איך בין נעמליך איבערצייגט געווען, דאָס אין דעם יעצטיגען מאָמענט טהאַטען רייכען דייטליכער אַלס ווערטער; יעדער איינער בעווייזט דורך זיינע האַנדלונגען ווען ער דינט, און פֿון וואָס פֿאַר אַ גייסט ער ווערט בעאיינפֿלוסט."

„דיזעס מאָל אָבער בין איך פֿערפֿליכטעט צו ברעכען מיין שטילשווייגען, דען די עפֿענטליכע און פֿאָרמעלע אַנקלאַגע, וועלכע די „נייע רהיינישע צייטונג" האָט געשליידערט געגען מיר, פֿאָדערט אַן עפֿענטליכע און פֿאָר־מעלע אַנטוואָרט. עס איז די פֿליכט פֿאַר מיר אַליין און פֿאַר מיינע דייטשע פֿריינדע צו שרייבען אַן ענטפֿער און איך האָף, ווערטהער הערר רעדאַקטאָר, דאָס איהר וועט זיך ניט ענטזאַגען צו פֿערעפֿענטליכען די ערקלעהרונג פֿון אַ פֿרעמדען אין אייער צייטונג, וועלכער האָט ניט קיין אַנדער וואַפֿע, ווי די פובליקאַציאָן פֿון דער פרעסע. איך געפֿין מיר אין קאַמף געגען אַ מעכטיגען און גרוזאַמען פֿיינד, וועלכער פֿערפֿאָלגט מיך סיסטעמאַטיש און אונערמידליך, זייט איך האָב איהם עפֿענטליך אַטאַקירט אין אַ רעדע, וועלכע איך האָב געהאַלטען אין פּאַריז, און וועלכער זוכט יעצט אויסצונוצען מיינע נאַטירליכע בונדעס־גענאָסין, די דעמאָקראַטי און איהרע אָרגאַנען, אום צו ערדייכען זיין ציל."

„אויף דער איינער זייט האָבען די רעגירונגען אַן אויג אויף מיר אַלס דעמאַגאָג,2) וועלכער איז פֿעהיג צו בעגעהן אַלע פֿערברעכען, און אויף דער אַנדערער זייט האָט מען פֿערזוכט מיר צו פֿערדעכטיגען פֿאַר דער עפֿענטליכער מיינונג, ערקלעהרענדיג, דאָס איך בין אַן אַגענט פֿון דער רוסישער רעגירונג, האָפֿענדיג, אַז מע קען מיר דורך דעם מאָראַליש פֿערניכטען; אָבער דאָס וועט מיינע פֿיינדע ניט געלינגען."

„איך דיינק דאָס עס איז אויך נויטיג צו פובליצירען מיין בריף אַן זשאָרזש סאַנד, אויף וועלכע די „נייע רהיינישע צייטונג" האָט געשטיצט איהר אַנקלאַגע געגען מיין פערזאָן און בעט איך צו פֿערעפֿענטליכען

1) עס איז געווען קורץ נאָך דעם אויפֿשטאַנד אין פראַג, אין וועלכען באַקונין האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטהייל. די רעאַקציאָנערע פרעסע האָט איהם דענונצירט אַלס דעם אייגענטליכען פֿעראורזאַכער פֿון די בלוטיגע קעמפֿע און ער איז געצוואונגען געווען זיך צו בעהאַלטען אַ געוויסע צייט, אום ניט אַריינצופֿאַלען אין די הענד פֿון זיינע מויטפֿיינד. (דער איבערזעצער.)

2) דאָס וואָרט דעמאַגאָג האָט דאַמאָלסט געהאַט דיזעלבע בעדייטונג ווי אַגיטאַטאָר. די דייטשע רעגירונגען האָבען אַלע יונגע לייט מיט פראָגרעסיווע אידעען גערופֿען דעמאַגאָגען און זיי פֿערפֿאָלגט. דיזע פעריאָדע רופֿט זיך די צייט פֿון די „דעמאַגאָגען־פֿערפֿאָלגונגען". (דער איבערזעצער.)

דעם פאָלגענדען בריף אין אייער ווערטהע צייטונג."
מיכאַאיל באַקונין.

די רעדאַקציאָן פון דער „אָדער־צייטונג" אין ברעסלוי האָט פערעפענטליכט באַקונין'ס ערקלערונג, צוזאַמען מיט דעם פאָלגענדען בריף, וועלכען דער רוסישער רעוואָלוציאָנער האָט געשריבען אַן זשאָרזש סאַנד:

„ווערטהע דאַמע! אייער נאָמען איז געברויכט געוואָרען, אום צו פערשפרייטען פערלוימדערישע אַנקלאַגען געגען מיין פערזאָן, וועלכע זיינען פובליצירט געוואָרען אין דער „נייער רהיינישער צייטונג" פון אַ פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט. איך דיינק, דאָס עס איז ניט נויטווענדיג, איך זאָל אייך ערקלערען די ריכטיגע בעדייטונג פון אַזאַ אַנקלאַגע; אָדער דער קאָרעספּאָנדענט האָט געהאַט די דירעקטע אַבזיכט צו פערלוימדען, אָדער ער האָט געוויסע בעוויזע פאַר זיין אַנקלאַגע. אויב עס האַנדעלט זיך נאָר אום די אַבזיכט צו פערלוימדען, בעט איך אייך אין נאָמען פון דער סימפּאַטי, וועלכע איהר האָט מיר שטענדיג בעוויזען, צוריקצואווייזען די בעשולדיגונגען פון יענעם קאָרעספּאָנדענט. פערגעסט ניט, ווערטהע דאַמע, אַז עס האַנדעלט זיך אום מיין עהרע און אין דערזעלבער צייט איז אויך אייער נאָמען בעשמוצט געוואָרען, מיט דעם וואָס דער בעטרעפענדער קאָרעספּאָנדענט האָט זיך בענוצט מיט איהם אויף אַ ניכטסווירדיגע אַרט און וויזע. פערגעסט אויך ניט, אַז די פערלוימדונג איז געגען מיך געשליידערט געוואָרען אין אַזאַ מאָמענט, ווען איך האָב מעהר ווי אימער נויטיג געהאַט דעם צוטרויען פון'ם פובליקום אים אינטערעסע פון דער גוטער זאַכע, וועלכע איך געה פערטהיידיגען."

„אָבער אים פאַל, אַז איהר האָט זיך יאָ בעטהייליגט אין דיזער אַנקלאַגע — אַ זאַך, וועלכע איך קען מיר גאָר ניט פאָרשטעלען, ווערטהע דאַמע — רעכען איך ניט אויף אייער אַמאָליגע סימפּאַטי, נאָר איך אַפּעליר צו אייערע געפיהלען פון עהרע און גערעכטיגקייט. מיין אַכטונג און מיין רעספּעקט פאַר אייער פערזאָן איז פיל צו גרויס און איך האַלט אייך פאַר אַ צו נאָבלען און געוויסענהאַפטען כאַראַקטער, אום איך זאָל קענען אָננעהמען, דאָס איהר האָט אַגיטירט געגען מיך און גענומען אַנטהייל אין דיזער אונאיבערלעגטער אַנקלאַגע געגען מיר, וועלכע איז פונקט אַזוי געוויסענלאָז ווי זי איז פאַלש. איהר האָט ניט קיינע בעוויזע פאַר אַזאַ בעשולדיגונג, אויס דעם איינפאַכען גרונד, ווייל עס עקזיסטירען קיינע. אָבער פיליייכט איז עס מעגליך, דאָס עס האַנדעלט זיך אום שיינבאַרע בעווייזע, וועלכע זיינען גענוג שטאַרק געווען, אום איהר זאָלט זיך מאַכען אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגען מיין פערזאָן. אין דיזען פאַל בעט איך אייך, איהר זאָלט זאָפאָרט פערעפענטליכען אַלע דאָקומענטען, וועלכע קענען מיר קאָמפּראָמיטירען, כדי איך זאָל זיי קענען ווידערלעגען און אין דערזעלבער צייט קענען לערנען די פעראורזאַכער פון דיזער שענדליכער פערלוימדונג. איך האָב אַ רעכט צו שטעלען דיזע

פֿאָדערונג, דען מען האָט מיך עפֿענטליך אַטאַקירט, און איהר האָט די הייליגע פֿליכט עפֿענטליך צו ערקלערען, וואָס פֿאַר בעווייזע איהר האָט פֿאַר אייער אַנקלאַגע."

„איך האָב די עהרע, ווערטהע דאַמע א.ז.וו.—באַקונין."

אַם 3טען אויגוסט 1848 — מעהר ווי אַ מאָנאַט שפּעטער נאָך דער פֿערעפֿענטליכונג פֿון באַקונין'ס אַנטוואָרט — האָט דערזעלבער קאַרל מאַרקס געשריבען אין זיין צייטונג די פֿאָלגענדע ווערטער:

„מיר האָבען פֿערעפֿענטליכט אין נומער 36 פֿון אונזער צייטונג (6טער יולי 1848) אַ נאַכריכט, וועלכע איז פֿערשפּרייט געוואָרען אין פּאַריז. אין דיזעם בעריכט איז בעהויפּטעט געוואָרען, אַז זשאָרזש סאַנד בעזיצט וויכטיגע דאָקומענטען, וועלכע בעווייזען, אַז דער רוסישער עמיגראַנט מיכאַאיל באַקונין איז אַן אַגענט פֿון דעם צאַר ניקאָלאַי. מיר האָבען דיזע נאַכריכט איבערגעגעבען צו אונזערע לעזער, פּונקט ווי זי איז אונז מיטגע־טהיילט געוואָרען פֿון צוויי פֿערשידענע קאָרעספּאָנדענטען, פֿון וועלכע איינער איז ניט בעקאַנט מיט דעם אַנדערען. מיר האָבען ערפֿילט אונזער פֿליכט אַלס זשורנאַליסטען, וועלכע בעשטעהט אין דער שטרייגגער בעוואַכונג פֿון אַלע מענער, וואָס שפּילען אַ געוויסע ראָלע אין'ם עפֿענט־ליכען לעבען און אין דערזעלבער צייט האָבען מיר באַקונין'ן געגעבען אַ געלעגענהייט צו פֿערניכטען דיזען פֿערדאַכט, וועלכער האָט טהאַטזעכליך עקזיסטירט אין געוויסע פּאַריזער קרייזען. מיר האָבען פֿערעפֿענטליכט באַקונין'ס ערקלערונג און זיין בריף אַן זשאָרזש סאַנד, וועלכע זיינען ביידע ערשינען אין דער „אַלגעמיינער אָדער־צייטונג," אַזוי ווי באַקונין האָט עס געפֿאָדערט פֿון אונז. אויסערדעם גיבען מיר יעצט אַן איבער־זעצונג פֿון זשאָרזש סאַנד'ס אַ בריף, וועלכען זי האָט געשיקט צו דער „נייער רהיינישער צייטונג" און בעטראַכטען מיט דעם דיזע אַנגעלעגענהייט פֿאַר געענדיגט."

„ווערטהער הערר רעדאַקטאָר! אַם 3טען יולי האָט איהר פֿערעפֿענטליכט אין אייער צייטונג דעם פֿאָלגענדען אַרטיקעל: (דאָ פֿאָלגט די גאַנצע אַנקלאַגע פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ אין דער „רהיינישער צייטונג," וועלכע מיר האָבען שוין פֿריהער פּובליצירט.) די בעהויפּטונגען פֿון אייער קאָרעספּאָנדענט זיינען אַבסאָלוט פֿאַלש און האָבען ניט די גערינגסטע בעציהונג צו דער וואַהרהייט. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט דעם קלענסטען בעווייז אין מיינע הענד, וועלכער זאָל רעכטפֿערטיגען אייער אַנקלאַגע געגען באַקונין, דעמזעלבען באַקונין, וועלכער איז אין דער צייט ווען די מאָנאַרכיע האָט נאָך עקזיסטירט, אַרויסגעשיקט געוואָרען פֿון פֿראַנקרייך. אויך מוז איך ערקלערען, דאָס איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט דעם קלענסטען צווייפֿעל געגען די עהרליכקייט פֿון זיין כאַראַקטער און געגען די ערנסטקייט פֿון זיינע איבערצייגונגען. איך פֿאָדער פֿון אייער עהרע

און אייער געוויסען, איהר זאָלט זאָפאָרט פּערעפּענטליכען דיזען בריף אין אייער צייטונג. — זשאָרזש סאַנד."

לאַ שאַט, דעם 20טען יולי 1848.1)

„דיזע אַנגעלעגענהייט האָט זיך אַלזאָ געענדיגט," ווי מאַרקס האָט געזאָגט; צום גרויסען בעדויערען פון מאַרקס האָט זי זיך געענדיגט, אָבער זי האָט אונז געגעבען אַ דייטליכען בעווייז, מיט וואָס פאַר אַ געוויסענלאָזיגקייט דיזער מאַן האָט פערלוימדעט עהרליכע פערזאָנען. באַקונין האָט אונז איבערגעגעבען זיין פערזענליכע מיינונג איבער דיזער אַפּערע ווי פאָלגט:

„דיזע אַנקלאַגע איז געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ פאַר מיר, דען גראַדע אין דיזעם מאָמענט האָב איך געאַרבייט מיט אַלע קרעפּטען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציאָן, און פאַר איינינגע וואָכען זיינען אַלע מיינע בעשטרעבונגען פּאַראַליזירט געוואָרען. אַלע מיינע סלאַווישע און דייטשע פריינדע האָבען מיך פערלאָזען. איך בין געווען דער ערשטער רוסע, וועלכער האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין דער רעוואָלוציאָן. עס איז ניט נויטווענדיג פאַר מיר צו ערקלערען, מיט וואָס פאַר מיס־טרויאישע געפיהלען מען האָט איבעראַל אין די וועסטליכע לענדער פון אייראָפּאַ געקוקט אויף זאָגענאַנטע רוסישע רעוואָלוציאָנערע. באַלד נאָכדעם ווי איך האָב געשריבען אַן זשאָרזש סאַנד, האָט זי מיר זאָפאָרט צונעשיקט אַ קאָפּי פון איהר בריף אַן די „נייע רהיינישע צייטונג," אין וועלכען זי האָט שטריינג צוריקגעוויזען די בעשולדיגונג געגען מיר. איך האָב דאַמאָלסט געלעבט אין ברעסלוי און האָב בעאויפטראַגט אַ פּוילישען פריינד, וועלכער איז געווען אין קעלן, ער זאָל פאָדערען פון די הערויסגעבער פון דער „נייער רהיינישער צייטונג" זיי זאָלען פאָל און גאַנץ צוריקנעהמען זייער פערלוימדונג. מאַרקס האָט זיך אין גאַנצען אָבגעשאָקעלט פון דיזער אַפּערע; ער האָט ערקלערט, אַז די גאַנצע שולד האָט דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט, און אַז דיזע קאָרעספּאָנדענץ איז אויפגענומען געוואָרען אין דער צייטונג, ווען ער איז ניט געווען אין דער רעדאַקציאָן; 2) אַז ער קען מיר צו גוט, אום אַזאַ זאַך צו גלויבען א.ז.וו. צולעצט האָט ער מיר נאָך געלאָזט אָנזאָגען אַ גאַנצע מאַסע קאָמפּלימענטען און האָט מיר פערזיכערט זיין פריינדשאַפּט און אַכטונג. אויף דיזע וויזע איז די אַנגע־לעגענהייט ערלעדיגט געוואָרען."

באַקונין האָט געזאָגט אין איינעם פון זיינע בריף, ענטפערענדיג אויף

1) Nettlau I, XII.

(2) באַקונין האָט איבערגעגעבען די גאַנצע קאָנווערזאַציאָן צווישען זיין פּוילישען פריינד קאָשיעלסקי און קאַרל מאַרקס. מאַרקס האָט דאַמאָלסט ניט געזאָגט דעם אמת, ווי ער האָט אַליין בעוויזען אין אַ בריף, וועלכער איז פערעפּענטליכט געוואָרען אין דעם לאָנדאָנער Morning Advertiser אַם 2טען סעפּטעמבער 1853, ענטפערענדיג אויף די אַנקלאַגען פון אַ.הערצען און גאָלאָווין, וועלכע האָבען פערטהיידיגט באַקונין'ן.

די פּערלוימדונגען פֿון מאַרקס, די פּראָפּעטישע ווערטער: „באַלד וועט קומען די שטונדע, וואו יעדער איינער וועט געפֿינען אַ געלעגענהייט צו בעווייזען ד ו ר ך ד י ט ה אַ ט א ו ן נ י ט ד ו ר ך וו ע ר ט ע ר, וואָס פֿאַר אידעען ער האָט;" באַקונין האָט ווירקליך געגעבען דורך די טהאַט אַ קלאָרען און אינצווידייטיגען בעוויז פֿאַר זיינע אינערליכע איבערצייגונגען. נאָך דער פֿעראונגליקטער מאַי רעוואָלוציאָן אין דרעסדען, פֿון וועלכע ער איז געוועזן די זעעלע, דער העלד, איז ער צום טויט פֿעראורטהיילט געוואָרען, אָבער אויף דעם פֿערלאַנג פֿון עסטרייך האָט מען איהם איבערגעגעבען צו דער פּאָליציי פֿון דיזען לאַנד. דאָרטען איז ער צום צווייטען מאָל צום טויט פֿעראורטהיילט געוואָרען און דער טאָג פֿון זיין ערשיסונג איז שוין בעשטימט געוועזן, ווען רוסלאַנד האָט געפֿאָדערט זיין אויסליפֿערונג. דאָרטען האָט ער געשמאַכטעט 8 יאָהר אין פּעטער־פּאַוולס קרעפּאָסט און נאָך דיזער צייט האָט מען איהם פֿערשיקט נאָך סיביר.

נאָך 12 יאָהר געפֿאַנגענשאַפֿט, וועלכע איז פֿערבונדען געוועזן מיט אַלע מעגליכע ליידען, איז עס איהם ענדליך געלונגען צו ענטלויפֿען. אָבער זיין ענטלויפֿען פֿון סיביר האָט מאַרקס און זיינע געזינונגס־גענאָסען זאָפֿאָרט ווידער געגעבען אַ געלעגענהייט צו פֿערשפּרייטען נייע פֿער־לוימדונגען וועגען זיין פּערזאָן. און וועהרענד דיזער גאַנצער צייט, ווען באַקונין האָט געקעמפּפֿט אויף די באַריקאַדען און האָט 12 יאָהר געשמאַכטעט אין דער געפֿאַנגענשאַפֿט, האָט מאַרקס, וועלכער האָט איבערהויפּט קיינמאָל ניט אַנטהייל גענומען אין אַ דירעקטען קאַמפּף, וועהרענד דיזער גאַנצער צייט איז מאַרקס רוהיג געזעסען ביי'ן פֿייער פֿון זיין קוימין אין לאָנדאָן און האָט פֿאָרטגעזעצט סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיג זיינע נידריגע און געמיינע אַטאַקען געגען דעם בעזיגטען רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געשמאַכטעט אין אַ רוסישען קערקער און איז פֿאָלגליך ניט אימשטאַנדע געוועזן זיך צו פֿערטהיידיגען.

אין 1853, ווען באַקונין האָט שוין געשמאַכט פֿילע יאָהרען אַלס געפֿאַנגענער אין אַ רוסישער פֿעסטונג, איז מאַרקס געוועזן גענוג פֿייג, איהם צו פֿערלוימדען פֿון דאָס נייע. דיזעס מאָל איז די פֿערלוימדונג געוועזן אַנאָנים און האָט בעהויפּטעט, אַז דער גרויסער רעוואָלוציאָנער איז אַ רוסישער פּאָליציי־שפּיאָן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ה ע ר צ ע ן 1) בעמערקט אין בעצוג אויף דיזע אַנגעלעגענהייט, דאָס אין דיזער פּעריאָדע האָט ד י י וו י ד א ו ר ק ה אַ ר ד, דער אינטימער פֿריינד פֿון מאַרקס און ענגעלס, אָנגעפֿילט די שפּאַלטען פֿון דער ענגלישער פּרעסע מיט זיינע וואַהנזיניגע בעהויפּטונגען, אַז די רוסישע רעגירונג האָט געקויפֿט אַלע מענער, וועלכע שפּילען אין דער פּאָליטיק פֿון וועסט־אייראָפּאַ אַ מעהר אָדער וויניגער רעוואָלוציאָנערע

1) Nettlau I, 146, A. Herzen Shornik postm. 51—80.

ראַלע. דערזעלבער אורקהאַרד האָט געהאַט די פּרעכהייט צו ערקלערען אין אַן עפּענטליכער פּערזאַמלונג, וועלכע האָט שטאַטגעפּונען אין לאָנדאָן, אַז דער גרויסער אונגאַרישער רעוואָלוציאָנער קאָסוטה, אויב ער איז ניט דירעקט געקויפּט געוואָרען פּון רוסלאַנד, ווערט ער בעאיינפּלוסט פּון אַ מאַן, וועלכער שטעהט אין דינסט פּון דער רוסישער רעגירונג — און דיזער מאַן איז מאַדזיני.

פּאַר מאַרקס און ענגעלס איז די הילפע פּון דיזען פּערלוימדער געווען זעהר ווערטהפּאָל, דען ער האָט זיי געגעבען אַ געלעגענהייט אָנצופּילען די שפּאַלטען פּון דעם "Morning Advertiser," אַ לאָנדאָנער צייטונג, אויף וועלכע אורקהאַרד האָט געהאַט אַ גרויסען איינפּלוס, מיט זייערע בע־ליידיגונגען און פּערלוימדונגען געגען באַקונין'ן.

הערצען און גאָלאָווין האָבען עפּענטליך געפּאָרערט די בעווייזע פּאַר דיזע בעשולדיגונגען, אָבער עס איז געווען אומזיסט.

מיט פּילע יאָהרען שפּעטער, אין 1862, ווען באַקונין איז ענטלאָפּען געוואָרען פּון סיביר און איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן, וואו ער איז באַלד געטראָטען אין נעהערע פּערבינדונג מיט מאַדזיני, אורעליאָ סאַפּי, לואי בלאַן, וו. י. סינטאָן, האָליאַק, ברעדלוי, פּע־ליקס פּיאַט, פּ. גאַרידאָ און פּילע אַנדערע בעקאַנטע פּערזענ־ליכקייטען, האָבען זיך ווידער אָנגעפּאַנגען דיזעלבע שמוציגע פּערלוימדונגען אין דער צייטונג "Free Press," וועלכע איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פּון אורקהאַרד און פּון וועלכער מאַרקס איז געווען אַ שטענדיגער מיט־אַ־בייטער. אַם 5טען מערץ 1862 האָט דיזע צייטונג פּערעפּענטליכט אַ געמיינען אַנאָנימען אַרטיקעל געגען באַקונין, וועלכער האָט זיך אָנגעפּאַנגען מיט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: "Another of these agents has again been let loose upon Europe," א.ז.וו. (נאָך איינער פּון דיזע אַגענטען איז ווידער לאָזגעלאָזען געוואָרען אויף אייראָפּאַ, א.ז.וו.)

הערצען און מאַדזיני האָבען פּערטהיידיגט זייער פּריינד; אָבער מאַרקס און אורקהאַרד — אַזוי ווי זיי פּלעגען שטענדיג טהאָן — האָבען ניט נעגעבען דעם קלענסטען בעוויז פּאַר זייערע נידריגע און אַנאָנימע אַנקלאַגען, ד.ה. מאַרקס האָט אויך דיזעס מאָל אָנגעווענדעט פּונקט די־זעלבע טאַקטיק ווי אין 1848, אין 1849 און 1853. הערצען האָט געענדיגט די פּאָלעמיק מיט אַן עפּענטליכער ערקלערונג, וועלכע איז ערשינען אין „קאָלאָקאָל"1) אונטער דעם טיטעל „אולטימאַטום," און וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט די פּאָלגענדע ווערטער: „צווישען די רוסען געפּינט זיך קיין איינציגער, וועלכער זאָל זיין אַזוי אידיאָטיש, אום צו גלויבען אַזעלכע פּערלוימדונגען, און קיינער פּון זיי וועט ניט זיין אַזוי נידריג זיי צו ווידערהאָלען." וואָס אַנבעלאַנגט באַקונין, האָט ער זיך אין

1) „קאָלאָקאָל," נומער פּ״ק״ס 5טען מאַי 1862.

2) A. Ruge, Correspondenz 13. Maerz 1862. Nettlau I, 147.

גאַנצען בעשרענקט אויף עטליכע ווערטער אין אַן ענגלישער צייטונג, אין וועלכע ער האָט ערקלערט, דאָס ווען זיין „נאָבעלער פריינד," דער פיהרער פון די דייטשע קאָמוניסטען וואָלט געהאַט דעם מוטה אונטער־צושרייבען זיין נאָמען אונטער זיינע פערלוימדונגען, וואָלט ער איהם געענטפערט ניט מיט דער פעדער אין דער האַנד, נאָר מיט דער האַנד אָהנע פעדער.2) מאַרקס האָט רוהיג צוגענומען דיזע עפענטליכע בע־ליידיגונג אָהנע צו ענטפערען; אין דערזעלבער צייט האָט ער בעקומען נאָך אַ שטאַרקען מאָראַלישען קלאַפּ דורך אַ קאָמיטע פון רעוואָלוציאָנערע ענגלישע אַרבייטער, וועלכע האָבען געשיקט אַ „ברידערליכע סימפּאַטי־ערקלערונג צו זייער בעריהמטען פריינד, דעם גרויסען רוסישען רעוואָלוציאָנער מיכאַיל באַקונין." 1)

אין אָקטאָבער 1864, ווען באַקונין איז צוריקגעקומען פון שוועדען, האָט ער פּאַסירט לאָנדאָן און איז געפאָהרען איבער פּאַריז נאָך פלאָרענץ. מאַרקס האָט איהם דאַמאָלסט בעזוכט, אום זיך ווידער צו פעראייניגען מיט איהם. די געהיימע אַבזיכטען פון דיזער רעטזעלהאַפטער טהאַטזאַכע זיינען נאַטירליך אונבעקאַנט. אין אַ מאַנוסקריפּט, וועלכער איז ביז יעצט נאָך ניט פערעפענטליכט געוואָרען, שרייבט באַקונין דאָס פאָלגענדע וועגען דיזע אַנגעלעגענהייט: 2)

„אַם ענדע פון 1863 האָב איך פערלאָזען שוועדען און בין צוריקגע־קומען אין לאָנדאָן, אום פון דאָרטען צו רייזען דורך בעלגיען, פראַנקרייך און די שווייץ נאָך איטאַליען. דעם ווינטער און אַ טהייל פון זומער האָב איך פערבראַכט אין טאָסקאַנאַ און אין אויגוסט 1864 בין איך צוריקגעפאָהרען נאָך שוועדען אויף דעמזעלבען וועג, וועלכען איך האָב פריהער געמאַכט. אין אָקטאָבער בין איך אָנגעקומען אין לאָנדאָן. דאָרט האָב איך ערהאַלטען אַ בריף פון מאַרקס, וועלכען איך האָב נאָך היינט, אין וועלכען ער פרעגט ביי מיר אָן, צו ער קען מיר „מאָרגען" בעזוכען ביי מיר אין דערהיים. איך האָב איהם געענטפערט, אַז יאָ און ער איז געקומען. מיר האָבען אונז גוט דורכגערעדט צוזאַמען און ער האָט מיר געשוואָרען, דאָס ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט אָדער געטהאָן געגען מיר, אין גענענטהייל, ער האָט שטענדיג געפיהלט צו מיר אַ ווירקליכע פריינדשאַפט און אַ גרויסען רעספּעקט. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס אַלעס איז ניט מעהר ווי אַ ליגען, נאָר איך האָב איהם פון דעסטוועגען ניט נאָכגעטראָגען קיין האַס. אויסערדעם האָב איך געהאַט נאָך אַן אַנדער אורזאַכע מיך צו אינטערעסירען פאַר זיין נייע פריינדשאַפט. איך האָב נעמליך געוואוסט, דאָס מאַרקס האָט גענומען אַנטהייל אין דער גרינדונג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן," דען איך האָב

1) דיזע ערקלערונג איז פּובליצירט געוואָרען אין דעם פעברואַר-נומער פון ד. „Cosmopolitan Review" 1862.

2) Rapportes personnelles, etc. ms. p. 9—10. Nettlau I, 72.

געלעזען דעם מאַניפֿעסט, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען אין נאָמען פֿון'ם „פּראָוויזאָרישען גענעראַל־ראַטה"; דער מאַניפֿעסט איז געווען אַ זעהר בעדייטענדע און ערענסטע ליטעראַרישע אַרבייט, ווי אַלע זיינע שריפֿטען, מיט דער אויסנאַהמע פֿון זיין פּערזענליכער פּאָלעמיק. מיר האָבען אונז געטרענט אַלס פֿריינדע, נאָר בעזוכט האָב איך איהם ניט."

וואָס זאָל מען דיינקען וועגען דעם כאַראַקטער און דער אויפֿריכטיגקייט פֿון מאַרקס, וועלכער איז געווען דער אייגענטליכער פֿעראורזאַכער פֿון אַלע פֿערלוימדונגען געגען באַקונין, וועלכער האָט איהם איבעראַל פֿערדעכטיגט אַלס אַ רוסישען שפּיאָן און טראָץ־דעם האָט ער איהם אָנגעבאָטען זיין פֿריינדשאַפֿט און איהם פֿערזיכערט זיין רעספּעקט? קען מען ווירקליך האַנדלען מעהר היפּאָקריטיש, ווי מאַרקס האָט געהאַנדעלט געגען באַקונין?...

ביז צו דיזער צייט האָט מען באַקונין'ן נאָר פֿערדעכטיגט אַלס אַן אַגענט פֿון דער רוסישער רעגירונג. דיזע אַנקלאַגע איז אין פֿערשידענע צייטען אימער ווידערהאָלט געוואָרען פֿון דאָס נייע, אָבער שפּעטער זיינען נאָך דערצוגעקומען אַנדערע פֿערלוימדונגען; אין 1867 האָט מען איהם פֿערדעכטיגט אַלס פֿאַלשמינצער און שפּעטער האָט מאַרקס בעהויפּטעט, דאָס ער איז אַ פּראָפֿעסיאָנעלער שווינדלער, וועלכער מאַכט אַ לעבען פֿון רויב און בעטרוג. ווי מיר זעהען, זיינען אַלע מיטלען געווען גוט, אום צו פֿערניכטען אַזאַ געפֿעהרליכען געגנער.

אַם 23טען מאַי 1867 האָט באַקונין געשריבען אַן אַלעקסאַנדער הערצען די פֿאָלגענדע ווערטער:

„ווי עס שיינט, פֿערפֿאָלגט מיך די רוסישע רעגירונג זאָגאַר דאָ אין נאַפּאָל. מיט אַ קורצע צייט צוריק האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער היגער פּרעפֿעקט, דער גראַף גאַלטעריאָ, איינער פֿון די הויפּט רעגירונגס־שווינדלער און אַ קליינליכער פּאָליטיקער, האָט דערצעהלט ראַנגאַרדזי'ן, דאָס ער האַלט מיר פֿאַר דעם הויפּט־פֿעראורזאַכער פֿון אַלע בעוועגונגען אין סיציליען און זיד־איטאַליען; ווייטער האָט ער איהם דערצעהלט, אַז ער האָט מיר אין פֿערדאַכט, אַז איך מאַך פֿאַלשע פּאַפּיר־געלד, אום צו דעקען די קאָסטען פֿון דער בעוועגונג. איך בין איבערצייגט, אַז קיסעלעוו, (1) מיין אַמאָליגער פּאַריזער „פֿריינד" און יעצטיגער אַמבאַסאַדאָר אין פֿלאָרענץ שפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דיזער אַנגע־לעגענהייט און איך דיינק, אַז איך וועל אַלעס ענטדעקען און רעכטצייטיג ענטפֿערען."

אַם 29טען מאַי 1867 האָט באַקונין געשריבען וועגען דערזעלבער אַנגעלעגענהייט אַ בריף צו זיין איטאַליענישען פֿריינד פֿאַנעלי, אין וועלכען עס געפֿינט זיך די פֿאָלגענדע שטעלע:

---

(1) קיסעלעוו איז געווען אַן אַמאָליגער פֿריינד פֿון דער פֿאַמיליע מאַרקס און דער־זעלבער, וועלכער האָט באַקונין פֿערדעכטיגט אין פּאַריז מיט 20 יאָהר בעפֿאָר.
(דער איבערזעצער.)

„איך האָב ערהאַלטען אַ וויכטיגען בריף פֿון אַנדזשעלאָ דע גובערנאַטיס, אין וועלכען ער האָט מיר מיטגעטיילט, דאָס עס עקזיסטירט געגענוועהרטיג אַן איבערגעווערהנליכע אַנקלאַגע געגען מיין פּערזאָן, און ווי לעכערליך די גאַנצע געשיכטע זאָל ניט זיין, דאָך איז עס נויטווענדיג פֿאַר מיר, צו זיין פֿאָרזיכטיג אין דיזער אַנגעלעגענהייט. איך גיב אייך דאָ איבער די אייגענע ווערטער פֿון גובערנאַטיס און איהר קענט זיך אַליין בילדען אַן אורטהייל וועגען דער גאַנצער אַפֿערע: „מיין ליבער פֿריינד, דער פּראָפֿעסאָר ליגאַנאָ האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט די פּלענער פֿון דעם פּרעפֿעקט גאַלטעריאָ, וויסענדיג, אַז איך בין דיינער אַ פֿעטער. גאַלטעריאָ האָט איהם נעמליך געפֿרעגט, אויב ער קען דיך פּערזענליך, און ליגאַנאָ האט געענטפֿערט, אַז ניין און דאָס ער וויים נאָר, אַז די פֿאַמיליע באַקונין איז אַן אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליע. נאָכדעם האָט גאַלטעריאָ איהם דערצעהלט דאָס לויט זיינע אינפֿאָרמאַציאָנען ביזטו דער פֿאַבריצירער פֿון דעם פֿאַלשען פּאַפּירגעלד, וואָס ווערט געגענוועהרטיג פֿערשפּרייט אין נעאַפּעל. אַ רוסע, מ. מעלגונאָוו, וועלכער איז בעקאַנט מיט ליגאַנאָ, און וועלכער האָט וואַהרשיינליך אויך געהערט ריידען וועגען דעם, האָט פֿערשפּרייט דיזע נאַכריכט אין ווייטערע קרייזען. אונגליקליכער ווייזע האָבען זיי זיך זעהר גיך דערוואוסט פֿון אונזערע געגענזייטיגע בעציהונגען. איך מוז דיר אָפֿען אויסדריקען מיין אינערליכע עמפּעהרונג געגען אַזעלכע האַנדלונגען. אין דיזער פּעריאָדע, וועלכע איז אַזוי קריטיש פֿאַר איטאַליען, אין אַ צייט, ווען דאָס עלענד און דער מאַנגעל אין געלד מאַניפֿעסטירען זיך אַזוי שטאַרק, איז עס פֿאַר מיר די גרעסטע געמיינהייט צו דערשטיקען די שוואַכע לעבענסקראַפֿט פֿון אַ לאַנד דורך די פֿאַבריקאַציאָן פֿון פֿאַלשע פּאַפּיר-געלד."

„אַם שלוס פֿון זיין בריף האָט מיר הערר גובערנאַטיס איבערגעגעבען די גוטע מיינונג פֿון זיין פֿרוי, וועלכע איז אַ רוסין, אַז זי קען ניט גלויבען, דאָס איך בין ווירקליך דער פֿאַבריצירער פֿון דעם פֿאַלשען געלד. איך וויים, ליבער פֿאַנעלי, אַז איהר וועט זיך אָהנע צווייפֿעל זעהר פֿערוואונדערען איבער די אונאיבערלעגטע און ליידענשאַפֿטליכע שפּראַכע פֿון גובערנאַטיס, און ווי אַזוי ער האָט איבערהויפּט געקענט גלויבען אַזאַ בעשולדיגונג געגען מיר, וועלכע איז פּונקט אַזוי לעכערליך, ווי זי איז געמיין און ניידערטרעכטיג. אָבער ווען איהר וואָלט געקענט מיין פֿעטער, אַזוי ווי איך קען איהם, וואָלט איהר באַלד פֿערשטאַנען, אַז עס וואָלט געוועזען לעכערליך איהם צו פֿעראורטהיילען; ערענסטע מענער ווי דער פּראָפֿעסאָר ליגאַנאָ און דער גראַף פֿאָן גאַלטעריאָ זיינען פֿיל מעהר פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר איהם. אַזוי לאַנג ווי עס האַנדעלט זיך נאָר אום די בעהויפּטונגען פֿון הערר גובערנאַטיס, איז איבערהויפּט ניטאָ וואָס צו ריידען, דען זיין קליינגייסטיגקייט שטעהט אונטער יעדער קריטיק. ער האָט פֿערלאָרען די קאָנטראָלע, צוליב דער זאָנדערבאַרער שטעלונג, וועלכע ער האָט זיך

געשאַפֿען אין אַלע פּאַרטייען דורך זיין ליידענשאַפֿטליכען ענטוזיאַזמוס׳ ער איז אַן אונפֿעהיגער, עהרגייציגער און אונרוהיגער כאַראַקטער, אָבער אין אַלגעמיין קיין שלעכטער מענש און ער איז איבערהויפּט ניט אימשטאַנדע צו זאָגען אַ בעוואוסטען ליגען און צו פֿערמאַסקירען זיינע האַנדלונגען. פֿאָלגליך גלויב איך, אַז די געשיכטע איז אַזוי, ווי ער האָט מיר געשריבען, און ער האָט אין זיין בריף געוויס נאָר געזאָגט דאַסזעלבע, וואָס ער האָט געהערט פֿון פּראָפֿעסאָר ליגאַנאָ."

באַקונין האָט פֿאַנעלי׳ן גאַנץ אָפֿען ערקלערט, (1) דאָס ער צווייפֿעלט ניט אַ מאָמענט, אַז דער פּרעפֿעקט גאַלטעריאָ איז ניט געוועזן דער ערפֿינדער פֿון דיזער אַנקלאַגע, דען עס וואַר גאַנץ אונמעגליך צו גלויבען, דאָס אַן אינטעליגענטער און קלוגער קאָפּ ווי דער פּרעפֿעקט, זאָל אויסקלערען פֿון זיך אַליין אַזאַ מין פֿערדאַכט; באַקונין האָט אויך פֿאַנעלי׳ן באַלד בעקאַנט געמאַכט מיט די פֿערלוימדונגען, וועלכע קיסעלעף, דער הויזפֿריינד פֿון דער פֿאַמיליע פֿאָן וועסטפֿאַלען, האָט פֿערשפּרייט וועגען איהם אין 1847 אין פּאַריז, און האָט ערקלערט, אַז דערזעלבער קיסעלעף, וועלכער האָט דאַן געלעבט אין פֿלאָרענץ, איז דער אייגענטליכער ערפֿינדער פֿון דיזער עקעלהאַפֿטער פֿערלוימדונג, וועלכע איז פֿערשפּרייט געוואָרען דורך דעם פּרעפֿעקט פֿון נעאַפּעל. אין דערזעלבער צייט איז ערשינען אין דער „אָפֿיציעלער וואַרשאָווער צייטונג" די פֿאָלגענדע נאָטיץ: „די עקזיסטענץ פֿון אַ געזעלשאַפֿט פֿון פערברעכער און פֿאַבריצירער פֿון פֿאַלשע רוסישע באַנקנאָטען אין אויסלאַנד, מיט וועלכער הערצען און באַקונין זיינען פֿערבונדען געוועזן, איז אַ טהאַטזאַכע, וועלכע איז פֿאָלשטענדיג בעוויזען געוואָרען. דער שעף פֿון דער פּאָליציי האָט דעם צאַר בעקאַנט געמאַכט מיט דיזער טהאַטזאַכע."

מיר וויסען פֿון ל ו א י ו ו ע ב ע ר, אַן אַלטער פֿון אַלעמען רעספּעקטירטער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט ענגעלס גענומען אַנטהייל אין דעם באַדישען רעוואָלוציאָנס־קריג אין 1848, אַז קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין גליק מיט זיינע פֿערלוימדונגען געגען באַקונין אַלס אַ שפּיאָן, האָט אין דערזעלבער צייט פֿערשפּרייט צווישען די לאָנדאָנער עמיגראַנטען די נאַכריכט, אַז באַקונין איז אַ פֿאַלשמינצער, ד.ה. אין 1867 האָט מאַרקס געהאָלפֿען קיסעלעף אין זיינע פֿערלוימדונגען, פּונקט ווי קיסעלעף האָט איהם געהאָלפֿען אין 1847. נאַטירליך, אין דעם אויגענבליק ווען די ערפֿינדונג, אַז באַקונין איז געוועזן אַ פֿאַלשמינצער, זאָל איבעראַל פֿערשפּרייט ווערען, האָט מען מעהר ניט

---

(1) פֿאַנעלי איז געוועזן איינער פֿון באַקונין׳ס בעסטע פֿריינדע, וועלכער איז פֿאָלשטענדיג בעקאַנט געוועזן מיט אַלע זיינע פּריוואַט־אַנגעלעגענהייטען. ער האָט געזעהען ווי רוהיג, בעשיידען און צוריקגעצויגען באַקונין האָט געלעבט אין די גאַנצע 2 יאָהר, וועלכע ער האָט פֿערבראַכט אין נעאַפּעל, און אין דערזעלבער צייט האָט ער אויך געוואוסט כמעט אַלע זיינע פּערזענליכע בעציהונגען און איז בעקאַנט געוועזן מיט אַלע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אין דיזער צייט פֿערקעהרט מיט באַקונין.

געדאַרפֿט קיין אַנדערע פֿערלוימדונגען: די יעזואיטען האָבען גוט פֿער־שטאַנען די בעריהמטע ווערטער פֿון וואָלטער:

„פֿערלוימדע שטענדיג, עטוואָס וועט מען דיר אימער גלויבען!"

אין 1868 האָט זיך באַקונין אָנגעשלאָסען צו דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן," צום גרויסען פֿערדרוס פֿון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט זאָפֿאָרט ווידער אָנגעפֿאַנגען מיט דער הילפֿע פֿון אַנדערע פּערזאָנען איהם צו פֿערדעכטיגען און פֿערלוימדען. זיגמונד לואי באָרקהיים, איינער פֿון די גיפֿטיגסטע מיטהעלפֿער פֿון דעם קאָמוניסטישען אויטאָ־קראַט אין לאָנדאָן, האָט געשריבען אין דעם „דעמאָקראַטישען וואָכענבלאַט," וועלכעס ליבקנעכט האָט אַרויסגעגעבען אין לייפּציג, א פּאָר עקעלהאַפֿטע שמוץ־אַרטיקלען איבער די פּאָליטישע רוסישע עמיגראַנטען אין וועסט אייראָפּאַ; און שפּעטער האָט ער פֿאָרטגעזעצט זיין טרויריגע אַרבייט אין דער „צוקונפֿט," דעם אָרגאַן פֿון דער פּרייסישער דעמאָקראַטיע, וועל־כעס איז געגרינדעט געוואָרען פֿון יאָהאַן יאַקאָבי אין בערלין. דיזער שענדליכער פֿערלוימדער האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אויף הערצען און באַקונין מיט דעמזעלבען עקעלהאַפֿטען אינסטינקט, ווי אַ היענע וואַרפֿט זיך אויף אַ פֿערפֿוילטען קערפּער.

נאָכדעם ווי באַקונין האָט אָבגעגעבען זיין מיינונג איבער די נידריגקייט פֿון געוויסע מענשען, האָט ער אויסגעדריקט זיין פּערזענליכע אַנזיכט אין דעם מאַנוסקריפּט, וועלכער איז ספּעציעל געשריבען געוואָרען, אום אויפֿצו־צואווייזען זיינע בעציהונגען צו מאַרקס. דיזעס וויכטיגע דאָקומענט איז זעהר ווערטפֿאָל, דען עס צייגט אונז די פּלאַנמעסיגקייט פֿון אַלע פֿער־לוימדונגען, וועלכע מען האָט געשליידערט געגען איהם:

„עס איז אונמעגליך פֿאַר מיר, איך זאָל בעהאַנדלען דיזע שענד־ליכע פֿערלוימדונגען אויף דיזעלבע אַרט און וייזע, ווי איך בעהאַנדעל מיינע פֿערלוימדער, גיט וויל איך בעטראַכט דיזע אַנגעלעגענהייט פֿון אַ פּאָליטישען שטאַנדפּונקט, אָדער דערפֿאַר וויל זיי בעליידיגען מיין פּער־זענליכע עהרע, ניין, איך בין געצוואונגען צו ענטפֿערען אין דעם נאָמען פֿון׳ם סאָציאַליזמוס, וועלכען די גאַנצע אַרבייטער־וועלט פֿערטהיידיגט געגענווערטיג מיט אַזוי פֿיל ערענסטקייט, דען דיזע בורזשואַ, וועלכע רופֿען זיך כלומרשט סאָציאַליסטען, האָבען מיך פֿערלוימדעט פֿאַר דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן." דיזע גרויסע פֿעראייניגונג רעפּרעזענטירט די וועלט דער צוקונפֿט, דאָס איז מיין טיפֿסטע איבער־צייגונג, און דערפֿאַר קען מיר די מיינונג פֿון איהרע מיטגלידער ניט זיין גלייכגילטיג, ווי עס איז מיר צ.ב.ש. די מיינונג פֿון דער בורזשואַזי. איך וויים זעהר גוט, אַז דיזעס געזינדעל האָט די גאַנצע צייט פֿערשפּרייט די נידריגע און פֿייגע פֿערלוימדונגען געגען מיין פּערזאָן צווישען די אַר־בייטער, דען איך האָב זיי אַרונטערגעריסען די מאַסקען, און עס וועט ניט זיין צו שפּעט צו צייגען ביי דיזער געלעגענהייט, ווער זיי זיינען."

„עס איז געווען מיט אַ מאָנאַט בעפאָר דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנ־גרעס אין באַזעל, פונקט אין דערזעלבער צייט, ווען עס האָט שטאַטגעפונען דער קאָנגרעס אין אייזענאַך, 1) ווען איינער פון די פיהרער פון דער נייער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין נאָרד־דייטשלאַנד — דעם נאָמען וועל איך פאָרלויפיג ניט אָנגעבען — האָט געהאַט די פרעכהייט צו בעהויפּטען אין אַ האַלב־עפענטליכער פערזאַמלונג פון גענאָסען, דאָס איך בין אַ געפעהרליכער אַגענט פון דער רוסישער רעגירונג, אַז איך בין ענטלאָפען געוואָרען פון סיביר מיט דער הילפע פון דער רעגירונג, און דאָס ער בעזיצט די בעווייזע פאַר דיזע אַנקלאַגען; ווייטער האָט ער בעהויפּטעט, דאָס איך האָב געוואָלט צושטערען די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן" דורך די גרינדונג פון דער „אַליאַנץ דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטי" און דאָס עס איז מיר נעלונגען זיך איינצושמייכלען ביי דעם אַלטען דייטשען סאָציאַליסט יאָהאַן פיליפּ בעקער דורך מיין היפּאָקריטישע און דיפּלאָמאַטישע טאַקטיק, וועלכע איז די כאַראַקטעריסטישע אייגענטהימליכקייט פון אַלע רוסען. בעקער איז יעצט אָבגערייזט צו דעם קאָנגרעס אין אייזענאַך; איך האָב איהם מיטגעגעבען אַן אָפענעם בריף אַן מיין פערלוימדער און איהם געבעטען דיזען בריף פאָרצולעזען אין דער געגענוואַרט פון איינינע פריינדע און אויב נויטיג, פאַר דעם גאַנצען קאָנגרעס."

„אין דיזען בריף האָב איך אויפגעפאָדערט מיין נייעם אַנקלעגער צו פאָרמירען זיין אַנקלאַגע; איך האָב איהם געגעבען א מאָנאַט צייט און ערקלערט, דאָס אויב ער וועט ניט בעווייזען זיינע גידריגע בעשולדיגונגען אויף דעם קאָנגרעס אין באַזעל, וועל איך איהם עפענטליך בראַנדמאַרקען אַלס אַ פערלוימדער."

באַקונין'ס בריף עקזיסטירט נאָך היינט און געפינט זיך אין דעם אַרכיוו פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטי אין בערלין. עס איז ניט אָנצו־נעהמען, אַז די סאָצ. דעמ. פּאַרטיי וועט דיזען בריף ווען עס איז פערעפענטליכען און פובליצירען דעם נאָמען פון דעם צווייטען פערלוימדער — איך זאָג דעם צווייטען פערלוימדער, ווייל דער נאָמען פון דעם ערשטען איז עפענטליך בעקאַנט געוואָרען אויף דעם קאָנגרעס אין באַזעל — און דערפאַר איז עס אינטערעסאַנט באַקונין'ס ווערטער צו רעפּראָדוצירען. דער אָריגינאַל פון דיזען בריף איז דייטש און געפינט זיך אין דר. געטלוי'ס ביאָגראַפי פון באַקונין. 2) מיר גיבען דאָ אַ פאָלשטענדיגע און קאָרעקטע איבערזעצונג פון דיזען וויכטיגען דאָקומענט:

„מיין טהייערער בעקער! אונזער פריינד ווערטהיים האָט מיר דערצעהלט און האָט עס ווידערהאָלט אין דיין געגענוואַרט, אַז דער

1) דער קאָנגרעס אין אייזענאַך איז געווען איינבערופען פון די דייטשע מאַרקסיסטען, ווייל דאַמאָלסט האָט עס אין דייטשלאַנד געגעבען צוויי סאָצ. דעמ. פּאַרטייען, די לאַסאַליאַנער און די מאַרקסיסטען, וועלכע האָבען זיך ביטער בעקעמפט.

2) Nettlau II, 361.

ער האָט אין דער געגענוואַרט פֿון ווערטהיים די פֿאָלגענדע אַנקלאַגען געשליידערט געגען מיך:"

דייטשער סאָציאַליסט און עהרענמאַן **ווילהעלם ליבקנעכט** האָט מיך פֿערלוימדעט אויף אַ ניכטסווירדיגע אַרט און ווייזע, מיט דעם וואָס

„(1) דאָס איך בין אַ רוסישער אַגענט און דאָס ער בעזיצט אונווידערלעגבאַרע בעווייזע פֿאַר דיזע בעהויפּטונג;"

„(2) דאָס איך בין ענטלאָפֿען געוואָרען פֿון סיביר מיט דער הילפֿע פֿון דער רוסישער רעגירונג און דאָס איך האָב געגרינדעט די „אַליאַנץ פֿון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטי, אום צו צושטערען די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן;"

„(3) דאָס דער אַלטער בעקער האָט זיך געלאָזט פֿון מיר בעטריגען, ווייל אַלס רוסע בין איך געשיקטער פֿון איהם."

„איך וויל גאָר ניט ריידען וועגען אַלע אַנדערע „ליבענסווירדיגקייטען," נאָר פֿאַר יעדע פֿון זיי פֿערדינט דער פֿערלוימדער, מען זאָל איהם אָנשפּייען אַ פֿולען געזיכט."

„ווייטער האָט מיר מיין פֿריינד ווערטהיים געלאָזט לעזען אַ בריף פֿון **בעבעל**, אין וועלכען ער גיט צו פֿערשטעהן, דאָס איך בין אַ רוסישער אַגענט און שטעה אין פֿערבינדונג מיט הערר **פֿאָן שווייצער**, וועלכער איז אַן אַגענט פֿון ביסמאַרק. 1) איך וואָלט געהאַט אַ רעכט צו פֿאָדערען פֿון הערר בעבעל אַן ערקלערונג וועגען דיזע ווערטער, דען אַן עהרענמאַן וועט זיך קיינמאָל ניט שטיצען אויף איינפֿאַכע פֿאָראויסזעצונגען און וועט ניט שליידערען אַזאַ נידריגע אַנקלאַגע געגען אַ מענשען, וועלכען ער האָט קיינמאָל ניט געזעהען. אָבער אַזוי ווי איך בין איבערצייגט, דאָס הערר ליבקנעכט איז דער אייגענטליכער פֿעראורזאַכער פֿון דיזע פֿערלוימדונגען, וועל איך מיך היינט נאָר בעשעפֿטיגען מיט איהם אַליין."

„אַלס אַ פֿריינד און געזינונגס־גענאָסע בעט איך דיר, ליבער בעקער, און אַלס ברודער פֿון אונזער „אַליאַנץ," פֿאַר וועלכע דו ביזט אַזוי טהעטיג געווען, אום איהר צו ענטוויקלען, פֿאָדער איך פֿון דיר, דו זאָלסט ערקלערען הערר ליבקנעכט אין מיין נאָמען, דאָס איך האַלט איהם פֿאַר גענוג ערענסט, ער זאָל וויסען, דאָס דאַן ווען מען פֿערלוימדעט אַ געוויסע פּערזאָן, דאַרף מען אויך נעהמען אויף זיך די פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר די פֿערלוימדונגען און פֿאַר אַלעם דאַרף מען בריינגען די אונווידערלעגבאַרע בעווייזע, אום צו רעכטפֿערטיגען אַזעלכע בעהויפּטונגען."

---

1) הערר פֿאָן שווייצער איז געווען דער פֿיהרער פֿון די לאַסאַליאַנער. די ביידע פּאַרטייען, ד.ה. די אַנהייגער פֿון לאַסאַל און די אַנהייגער פֿון מאַרקס האָבען זיך געגענזייטיג אַזוי פֿיל בעשמוצט, אַז עס איז קוים צו גלויבען. אַזוי האָבען די מאַרקסיסטען (בעבעל און ליבקנעכט) צ.ב.ש. ערקלערט, אַז שווייצער איז אַן אַגענט פֿון ביסמאַרק און די לאַסאַלעאַנער האָבען בעהויפּטעט, אַז בעבעל און ליבקנעכט זיינען שפּיאָנען פֿון דעם קעניג פֿון האַנאָווער. בעווייזע פֿאַר אַזעלכע שמוציגע פֿערלוימדונגען האָט נאַטירליך קיינער ניט געבראַכט. אָבער ווי מיר זעהען, האָבען זיי פֿערשטאַנען זייער געשעפֿט צו פֿערלוימדען. (דער איבערזעצער.)

„איך גיב איהם אַ מאָנאַט צייט, אום ער זאָל קענען זאַמלען אַלע בעווייזע געגען מיר. און אויף דעם קאָנגרעס אין באַזעל ערוואַרטע איך פון איהם, ער זאָל עפענטליך אָנגעבען זיינע בעווייזע פאַר מיין ניכטס־ווירדיגקייט, אויב ניט וועל איך זיך רעכנען מיט איהם פאַר אלעמען, ווי מיט אַ פייגען, ניכטסווירדיגען און געמיינעם פערל. מדער."

אין דעם מאַנוסקריפט, וועלכעס מיר האָבען פריהער ציטירט, שרייבט באַקונין וועגען זיין צוזאַמענטרעפען זיך מיט ליבקנעכטען אויף דעם באַזעלער קאָנגרעס ווי פאָלגט:

„גלייך ווי איך בין אָנגעקומען אין באַזעל אויף דעם קאָנגרעס, האָט שטאַטגעפונען דער צוזאַמענשטויס. מיין ערשטע אַבזיכט איז געווען צו פאָדערען איין פאַר אַלע מאָל אַ פאָלשטענדיגע און ראַדיקאַלע ערקלערונג וועגען דיזער אַנגעלעגענהייט פאַר דעם גאַנצען אַרבייטער־קאָנגרעס. איך האָב אָבער דיזען פלאַן געמוזט אויפגעבען, אום ניט אַרויסצורופען דעם פאָרוואורף פון אַ פערזענליכע פראָוואָקאַציאָן."

„עס איז געווען געגען מיינע אַנשויאונגען איינצופיהרען אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־וועלט בורזשואַזנע מנהגים. אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן" האָט עס נאָר געגעבען איין מיטעל צו פאָדערען גערעכטיגקייט און צו פערטהיידיגען די בעליידיגטע עהרע— דאָס אורטהייל פון'ם פאָלק. עס איז מיר שווער אָנגעקומען צו בעשעפטיגען דעם קאָנגרעס מיט אַ פערזענליכער אַנגעלעגענהייט, אָבער אַזוי ווי עס האָט שוין פריהער געטראָפען, דאָס אַזעלכע אַפערען זיינען אונטערזוכט און ענטשידען געוואָרען פון אַ זאָגענאַנטען עהרען־געריכט, האָב איך מיך ענטשלאָסען אָנצוואווענדען דיזען מיטעל. איך פון מיין זייט האָב אויסגע־קליבען פינף דעלעגאַטען אויס דער מיטע פון'ם קאָנגרעס אַלס עהרען־ריכטער: פרידריך ראָבערט, דעלעגאַט פון דער שווייץ; גאַספאַר סענטינאָן, דער פערטרעטער פון דער שפּאַנישער אַליאַנץ דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטי און דעלעגאַט פון די ארבייטער־סעקציאָנען אין באַרצעלאָנאַ, פאַלי, דעלעגאַט פון ליאָן, סעסאַר דע פאָפ, פערטרעטער פון בריסעל און דעם עסטרייכער ניימייער, אַ דעלעגאַט פון וויען. פון דיזע פינף דעלעגאַטען איז נאָר איינער מיט מיר פער־זענליך בעקאַנט געווען, נעמליך פרידריך ראָבערט, וועלכען איך האָב קענען געלערענט אויף מיינע אַגיטאַציאָנס־רייזען אין די שווייצער יוראַ־בערג; די אַנדערע האָב איך נאָר געזעהען אויף דעם קאָנגרעס אין גענף אָדער באַזעל. ליבקנעכט פון זיין זייט האָט אויסגעקליבען פינף דייטשע דעלעגאַטען פאַר דעם עהרען־געריכט. צווישען זיי האָט זיך געפונען עקאַריוס, דער סעק־רעטער פון דעם לאָנדאָנער גענעראַל־ראַטה און די בירגער ריטינגס־הויזען און שפּירראָ. איך דערמאָהן זיך ניט מעהר בעשטימט, אויב מ. העסס איז אויך געווען צווישען זיי, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז יאָ. דעם נאָמען פון דעם פינפטען עהרען־ריכטער האָב איך אין גאַנצען פערגעסען.

אויסער די צעהן עהרען־ריכטער איז נאָך געווען דער אַלטער יאָהאַן פיליפ בעקער, אַ סאָציאַליסט, וועלכער איז פון אַלעמען רעספעקטירט געוואָרען, אַלס אַן עדות."

„איך האָב ליבקנעכטען אָנגעקלאָגט אַלס פערלוימדער און האָב געפאָדערט פון איהם די בעווייזע פאַר זיינע בעשולדיגונגען. ער האָט געענטפערט, אַז מען האָט זיינע ווערטער ניט ריכטיג איבערגעגעבען; אַז ער האָט מיר קיינמאָל ניט בעשולדיגט אין קיין זאַך און האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין בעווייזע געגען מיין פערזאָן; ער האָט זיך נאָר פערוואונדערט, וואָס איך האָב ניט געענטפערט אויף די פערלוימדערישע אַרטיקלען, וועלכע זיגמונד באָרקהיים האָט פובליצירט געגען מיך אין דער בערלינער „צוקונפט," דעם אָרגאַן פון דער פרייסישער דעמאָקראַטי, און ריידענדיג מיט זיינע פריינדע וועגען מיר, האָט ער מעהר ניט געטהאָן, ווי אויסגעדריקט זיין איבערראַשונג איבער מיין שטילשווייגען. איין זאַך האָט ער יאָ צוגעגעבען, נעמליך, דאָס ער האָט ערקלערט, דאָס איך האָב געגרינדעט די „אַליאַנץ דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטי," אום צו פערניכטען די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן." די פראַגע וועגען דער „אַליאַנץ" איז אין גאַנצען פערוואָרפען געוואָרען, מיט דעם וואָס עקאַריוס, אַ מיטגליד פון דעם לאָנדאָנער גענעראַל־ראַטה האָט ערקלערט, אַז די אַליאַנץ איז אַ טהייל פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן," דאָס איהר פראָגראַם און איהרע סטאַטוטען זיינען פון דעם גענעראַל־ראַטה איינשטימיג אַנערקענט געוואָרען, און דאָס איהרע דעלעגאַטען נעהמען אַנטהייל אין דעם אַלגעמיינען קאָנגרעס, פאָלגליך גיט עס איבערהויפט ניט וואָס צו דיסקוטירען וועגען דיזער פראַגע."

„וואָס אַנבעלאַנגט די הויפט־פראַגע האָט דאָס עהרענגעריכט איינשטימיג ערקלערט, אַז ליבקנעכט האָט בעגאַנגען אַן אונגלויבליכע לייכטזיניגקייט, בעשולדיגענדיג אַ מיטגליד פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן," ניט האָבענדיג קיינע אַנדערע בעווייזע, ווי עטליכע שמוץ אַרטיקלען, וועלכע זיינען ערשינען אין אַ בורזשואַ־צייטונג. דיזע ערקלערונג האָט מען מיר געגעבען שריפטליך. איך מוז נאָך ערקלערען, אַז מיין געגנער איז געווען גענוג נאָבעל, אַנצוערקענען דעם פעהלער, וועלכען ער האָט בעגאַנגען."

„ווען מיר האָבען אונז ווידער געזעהן, האָט ער מיר געגעבען די האַנד און איך האָב פערברענט פאַר אַלעמען די ערקלערונג, וועלכע דאָס עהרענגעריכט האָט מיר געגעבען."

ליבקנעכט האָט אַנערקענט, אַז ער האָט געהאָלפען פערשפרייטען פערלוימדונגען געגען באַקונין'ן און בעגריפען, דאָס ער דאַרף אָבגעגעבען אַן עפענטליכע עהרען־ערקלערונג, דערפאַר האָט ער באַקונין פערשפראָכען, דאָס ער וועט פובליצירען אין זיין צייטונג „דער פאָלקסשטאַאַט" אַן

אַרטיקעל, וועלכען דער גרויסער רעוואָלוציאָנער האָט פּערעפּענטליכט מיט איינינגע וואָכען פֿריהער אין דער איטאַליענישער צייטונג "Liberta e Guistizia" (פֿרייהייט און גערעכטיגקייט) אין בעצוג אויף דיזע אַנגעלעגנהייט. האָט ליבקנעכט געהאַלטען זיין פּערשפּרעכען? ניין, דער אַרטיקעל איז קיינמאָל ניט ערשינען. אָבער ליבקנעכט איז געגאַנגען נאָך ווייטער: אַנשטאַט צו געבען באַקונין'ן אַן עפּענטליכע עהרען-ערקלערונג, האָט ער פּובליצירט אים „פֿאָלקס-שטאַאַט" אַרטיקלען, וועלכע מ. העסס האָט איהם צוגעשיקט פֿון פּאַריז, און אין וועלכע עס זיינען ווידערהאָלט געוואָרען דיזעלבע פּערלוימדונגען, וועלכע דאָס עהרען-געריכט פֿון באַזעל האָט ערקלערט אַלס פֿאַלש און געמיין.

איז עס מעגליך, אַז ליבקנעכט וואָלט בעגאַנגען אַזאַ נידריגע און אונעהרליכע האַנדלונג, ווען ער וואָלט געהאַט די מעגליכקייט פֿריי צו האַנדלען? ניין, עס איז אונמעגליך, און דער שרייבער פֿון דעם "Memoire de la Federation jurassienne" האָט געוויס רעכט, ווען ער זאָגט: „עס גיט נאָר איין מעגליכקייט, נאָר איין ווירקליכע ערקלערונג פֿאַר דיזע אונגלויבליכע געוויסענלאָזיגקייט, נעמליך ווען ליבקנעכט איז צוריק געקומען אין לייפּציג, האָט דער דיקטאַטאָר מאַרקס איהם געטאַדעלט וועגען דעם פּערשפּרעכען, וואָס ער האָט געגעבען אין באַזעל און האָט איהם איינגערעט, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַ כאַראַקטער שוואַכקייט." (1)

די גאַנצע צייט, ביז צו דעם קאָנגרעס אין האַאַג האָט ליבקנעכט פּערעפּענטליכט אין זיין צייטונג צאָהלרייכע אַרטיקלען, וועלכע זיינען פֿול געוועזען מיט די שמוציגסטע בעליידיגונגען געגען באַקונין. מאַרקס האָט איהם אונטערשטיצט אין דיזער עקעלהאַפֿטער אַרבייט דורך זיינע געהאָרכזאַמע אינסטרומענטען קאַרל הירש, פֿרידריך ענגעלס און אַנדערע.

אין יולי און אויגוסט 1872 האָט ליבקנעכט'ס „פֿאָלקסשטאַאַט," וועלכער איז פֿון מאַרקס דירעקט אינספּירירט געוואָרען, נאָך געבראַכט בעליידיגונגען געגען באַקונין און אַם 30טען אויגוסט פֿון דעמזעלבען יאָהר האָט ליבקנעכט פּובליצירט אין זיין צייטונג אַ קאָרעספּאָנדענץ (2) פֿון ברעסלוי; וועלכע צייגט אונז קלאָר און דייטליך וואָס פֿאַר אַ קליינע ראָלע עס האָט געשפּילט די וואַהרהייט אין דעם קליינען קרייז, וועלכער האָט אַרומגערינגעלט דעם שעף פֿון די דייטשע קאָמוניסטען. מיר געבען דאָ אַ קליינע פּראָבע פֿון דיזער קאָרעספּאָנדענץ, אַ קאָמענטאַר איז איבערפֿליסיג:

„איהר האָט געענדיגט אייער 4טען אַרטיקעל וועגען באַקונין מיט די פֿאָלגענדע ווערטער: ווען הערר באַקונין וואָלט אונז ניט פֿערזיכערט, אַז

---

(1) Nettlau II, 361—363; Memoire de la Federation jurassienne, etc. .p. 85.

(1) Volksstaat 1872 Julie und September; R. Meyer: Emanzipations-kampf des vierten Standes, II, 368 Nettlau I, 91 spp.

ער וויל די צושטערונג פֿון אַלע ·שטאַאַטען, פונקט ווי די צושטערונג פֿון דעם רוסישען שטאַאַט, אום אויפֿצובויען די נעגאַטיווע מאַכט פֿון דעם פראָלעטאַריאַט, וואָלטען מיר איהם בעטראַכט פֿאַר דאָס וואָס מיר האָבען שוין פֿריהער געזאָגט—פֿאַר דעם גרעסטען אונטערלעקער פֿון דעם צאַר."

איך געה אייך יעצט דערצעהלען, וואָס איך וויים פֿון העדר באַקונין. איך וויל יעצט ניט רעדען פֿון דער ראָלע, וועלכע ער האָט געשפּילט אין ברעסלוי אין 1848, וואו מען האָט איהם אַריינגענומען אין די „דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט." איך וועל זיך נאָר בעשעפֿטיגען מיט זיין שטעלונג זייט ער איז צוריקגעקומען פֿון דעם סלאַווען־קאָנגרעס אין פּראַג, אין וועלכען ער האָט גענומען אַן אַנטהייל ניט אַלס אַ דעמאָקראַט, נאָר אַלס רעפּרעזענטאַנט פֿון דעם פּאַנסלאַוויזמוס. אַלס פּאַנסלאַוויסט האָט ער דאַמאָלסט געפֿאָדערט, אַז שלעסיען זאָל ווערען אַ טהייל פֿון דעם צוקינפֿטיגען פּאַנסלאַוויסטישען שטאַאַט, דערפֿאַר, ווייל שלעסיען איז אַמאָל געוועזען אַ טהייל פֿון אַן אַלטען סלאַווישען קייזעררייך. דאָס איז געוועזען דערזעלבער אַרגומענט, וועלכען דער „דעמאָקראַט" ביסמאַרק האָט אָנגעווענדעט, ווען ער האָט אַוועקגערויבט עלזאַס לאָטהרינגען פֿון פֿראַנקרייך! די „נייע רהיינישע צייטונג" האָט דאַמאָלסט ערקלערט, אַז באַקונין איז ניט אַנדערש ווי אַ רוסישער אַגענט אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. דיזע ערקלערונג האָט אַרויסגערופֿען אַ גרויסע אויפֿרעגונג אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין ברעסלוי. אַלס קאָרעספּאָנדענט פֿון אַ צייטונג, וועלכע האָט פֿערטהיידיגט באַקונין'ן, האָב איך געבעטען אויפֿקלערונג פֿון דער רעדאַקציאָן פֿון דער „נייער רהיינישער צייטונג" און היער איז די אַנטוואָרט פֿון איינעם פֿון די רעדאַקטאָרס, מיט וועלכען איך בין פּערזענליך בעקאַנט געוועזען, זיין נאָמען איז וו י ל ה ע ל ם ו ו א ָ ל ף. „די רעדאַקציאָן דרוקט קיין זאַך ניט געגען פֿריינדע, ווען זי האָט ניט די פֿאָלשטענדיגע בעווייזע פֿאַר איהרע בעהויפּטונגען. אויב דו ווילסט זעהען די דאָקומענטען, שרייב אַן ז ש אָ ר ז ש ס אַ נ ד, וועלכע האָט זי אונז אָנגעבאָטען. נאָכדעם וועסטו שוין אַליין בעגרייפֿען, אַז באַקונין איז אַן אַגענט פֿון רוסלאַנד אָדער פֿון'ם רוסישען צאַר, וועלכער טרייבט זיין האַנדווערק אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי."

„באַקונין האָט געוואוסט פֿון דיזער אַנטוואָרט, וועלכע איך האָב ערהאַלטען; אָבער ער האָט זיך ניט גערעכטפֿערטיגט; ער האָט פֿערלאָזען שלעזיען און איז צ ו ר י ק נ אָ ך ר ו ס ל אַ נ ד; בעמערקען וויל איך נאָך, אַז ער איז ניט צוריקגעגאַנגען, ווייל ער האָט גענומען אַנטהייל אין דעם מאַי־אויפֿשטאַנד אין זאַקסען."

ווען דער קאָרעספּאָנדענט האָט ווירקליך ערהאַלטען אַזאַ בריף פֿון ווילהעלם וואָלף, בעווייזט עס, וואָס פֿאַר אַ פֿיינער מאַן עס איז געוועזען, דיזער בעריהמטער דעמאָקראַט, וועלכען קאַרל מאַרקס האָט געווידמעט דעם 1טען באַנד פֿון זיין בוך „דאָס קאַפּיטאַל." און וואָס זאָל מען דיינקען

פֿון די רעדאַקטערע פֿון׳ם „פֿאָלקסשטאַאַט,“ וועלכע האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, דאָס אַלע בעשולדיגונגען געגען באַקונין זיינען פֿאַלש, און וועלכע האָבען טראָץ דעם פֿערעפֿענטליכט אַלע פֿערלוימדונגען, וואָס מאַרקס האָט ערפֿונדען, אין די שפּאַלטען פֿון זייער צייטונג?

IV.

קורץ נאָך דעם קאָנגרעס אין באַזעל איז ניקאָליי אוטין, דער זוהן פֿון אַ רייכען רוסישען בערזען־ספּעקולאַנט געקומען נאָך גענף און האָט אָנגעפֿאַנגען מיטאַרבייטען אין דער “Egalite“ (גלייכהייט) דעם אָפֿי־ציעלען אָרגאַן פֿון דער ראָמאַנישער פֿעדעראַציאָן דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן.“ מאַרקס האָט באַלד אויסגעפֿונען, אַז אוטין אייגענט זיך זעהר גוט אַלס ווערקצייג פֿאַר זיינע ניכטסווירדיגע און געמיינע פּלענער געגען באַקונין. אין 1869 האָט ער איהם געשריבען, דאָס ער זאָל צונויפֿקלייבען אַלע מעגליכע דאָקומענטען, וועלכע זיינען אימשטאַנדע צו בעווייזען די אונעהרליכקייט פֿון זיין לאַנדסמאַן. „איך וויים,“ האָט באַקונין געזאָגט, „אַז אוטין איז זעהר צופֿרידען געווען פֿון דיזען אויפֿ־טראַג, וועלכען ער האָט בעטראַכטעט פֿאַר אַן עהרע; ער האָט אָנגע־ווענדעט אַלע מיטלען, אום וואָס עס ניט איז אויסצוגעפֿינען, און אַזוי האָבען זיי ביסלעכווייז ערפֿונדען אַ גאַנצע סעריע פֿון אַנקלאַגען געגען מיך, אין וועלכע זיי גלויבען אַליין ניט, דען זיי האָבען ביז יעצט ניט געהאַט דעם מוטה צו פֿערעפֿענטליכען קיין איינציגע פֿון דיזע זאָגענאַנטע בעשולדיגונגען.“

אין אַן אַנדער בריף כאַראַקטעריזירט באַקונין דעם נייען מיטהעלפֿער פֿון קאַרל מאַרקס אַזוי נאַטורגעטריי, דאָס אַלע די יעניגע, וואָס האָבען געקענט דיזע טרויריגע פּערזענליכקייט, דערקענען איהם זאָפֿאָרט:

„איך האָב אייך שוין פֿריהער געזאָגט, אַז קיין ליגען, קיין פֿערלוימדונג, קיין געמיינהייט, וועלכע אוטין זאָל ניט בעגעהען, וועט מיר מעהר ניט איבערראַשען. ער איז אַ מענש, וואָס ווערט בעהערשט פֿון אַ קראַנק־האַפֿטען עהרגייץ, וועלכער איז פּונקט אַזוי קליין, ווי זיין אייגענע אונבעדייטענדע פּערזענליכקייט. ער האָט געלערענט עטליכע קלינגענדע פֿראַזען, וועלכע ער ווידערהאָלט ביי יעדער געלעגענהייט ווי אַ פּאַפּאַגיי; דער טיפֿער קלאַנג פֿון זיין שטימע און זיין טהעאַטראַלישע מימיק קענען ניט פֿערדעקען די פּוסטקייט פֿון זיינע געפֿיהלען און זיין גייסטיגע אונפֿעהיגקייט אויסצואַרבייטען און צו ענטוויקלען אירגענד אַן אידעע. ער איז אַ שרעקליכער ליגנער, פֿייג און געמיין און קען נאָר ריידען אונטער דעם רוקען פֿון אַנדערע מענשען; ער בעזיצט אַן אונגלויבליכען לעכערליכען שטאָלץ און רעדט זיך איין, דאָס ער איז ווירקליך אַ וויכטיגע

פערזאָן; זיין כאַראַקטער איז פֿערענדערליך און פֿאַלש און ער איז שטענדיג בערייט זיך אונטערצולעקען ביי די יעניגע, וועלכע האָבען נאָך זיין מיינונג אַ נעוויסען איינפֿלוס און אַ בעריהמטען נאָמען. ער חניפה'ט זיך אונטער ביי דעם פּראָלעטאַריאַט דורך זיינע היפּאָקריטישע שמייכלעריען, בייט איבער זיינע אידעען ווי אַ ריינליכער מענש זיינע העמדער, לויט די אומשטענדען און נאָך דעם מאָמענט. דיזעס מיזעראַבעלע בעשעפֿניס בעזיצט קיין אַנדער קראַפֿט ווי זיין מאַנגעל אין אַנשטענדיגקייט און עהרגעפֿיהל, זיין נידריגען און אינטריגאַנטען כאַראַקטער און איינינע צעהן טויזענד פֿראַנק יעהרליך, וועלכע ערלויבען איהם אַרויסצוגעבען איינע פֿון די הויפּט־אָרגאַנען פֿון דער רעאַקציאָנערער ריכטונג, וועלכע בעהערשט געגענווערטיג די „אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן" אין גענף."

מיר ווילען נאָך בעמערקען, וואָס עס איז געווען די ענדע פֿון דיזען פֿיערינען מאַרקסיסטישען רעוואָלוציאָנער—ניקאָליי אוטין האָט שפּעטער געבעטעלט אום פֿערצייהונג ביי זיין קייזערליכען העררן, דעם רוסישען צאַר, וועלכער איז אויך געווען אַזוי גנעדיג און האָט איהם ערלויבט צוריקצוקומען נאָך רוסלאַנד.

דאָס איז געווען דער מאַן, וועלכען מאַרקס האָט בעאויפֿטראַגט צו מאַכען אַן אונטערזוכונג וועגען דעם בעריהמטען פּראָצעס פֿון נעטשאַיעוו און איבער די „סאָציאַליסטישע אַליאַנץ" אין רוסלאַנד. די דאָקומענטען, וועלכע אוטין האָט געזאַמעלט זיינען געשיקט געפֿעלשט געוואָרען אויף דעם בעפֿעהל פֿון מאַרקס און אַזוי האָט מען זיי איבערגעגעבען דער זאָגענאַנטער אונטערזוכונגס - קאָמיסיאָן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין האַאַג. צווישען די מיטגלידער פֿון דיזער קאָמיסיאָן איז ניט געווען קיין איינציגער, וועלכער האָט פֿערשטאַנען אפילו אַ וואָרט רוסיש, און טראָץ דעם האָט די קאָמיסיאָן פֿאָרגעשלאָגען דעם קאָנגרעס אויס־צושליסען באַקונין'ן פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן." די מאַיאָריטעט פֿון דעם קאָנגרעס, וועלכע האָט בלינדערהייט געפֿאָלגט דעם בעפֿעהל פֿון מאַרקס, האָט צוגעשטימט דעם בעשלוס פֿון דער קאָמיסיאָן און האָט בעשלאָסען, אַז די דאָקומענטען זאָלען פֿערעפֿענטליכט ווערען. דאָס איז געווען וואָס מאַרקס, דער טויטפֿיינד פֿון באַקונין האָט געוואָלט.

אין אויגוסט 1873, איין יאָהר נאָך דעם קאָנגרעס אין האַאַג איז ערשינען די נידערטרעכטיגע שמוץ־שריפֿט: L'aliance de la Democratie socialiste et l'Association internationale des Travailleurs." (די אַליאַנץ דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטי און די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן.) דיזער פּאַסקוויל איז געווען די איינציגע קוועלע פֿון די מעהרסטע שריפֿטשטעלער, וועלכע האָבען „שטודירט" דאָס לעבען און די טהעטיגקייט פֿון באַקונין אין רוסלאַנד און די איבריגע אייראָפּעאישע לענדער, ווי צ.ב.ש. העררר עמיל לאַוועלעל, וועלכער קען שטאָל־

צירען, וואָס ער האָט נאָך אַריבערגעשטיגען קאַרל מאַרקס אין דער פֿערשפּרייטונג פֿון ליגענס און פֿערלוימדונגען, וועלכע פֿילען אָן די 137 זייטען פֿון זיין שמוץ־שריפֿט. דר. נעטלוי האָט בעוויזען, דורך אַ געוויסענ־האַפֿטען און קאָרעקטען פֿערגלייך צווישען דעם רוסישען אָריגינאַל פֿון די דאָקומענטען און דער פֿראַנצויזישער איבערזעצונג, אַז די וויכ־טיגסטע שטעלען פֿון די זאָגענאַנטע דאָקומענטען, הויפּטזעכליך די יעניגע, וועלכע בעשעפֿטיגען זיך מיט נעטשאַיעף און באַקונין און אַלע דאָקומענטען, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען אין דיזער פּעריאָדע, זיינען גענומען געוואָרען פֿון פֿערקירצטע אָדער געפֿעלשטע, שריפֿט־שטיקע. מאַרקס האָט זיך ערלויבט צו פֿערענדערען דעם טעקסט, מיט דעם וואָס ער האָט צוגעזעצט אָדער אַרויסגעוואָרפֿען ווערטער און גאַנצע פֿראַזען, ער האָט מאָדיפֿיצירט די צייטען פֿון די ווערבען א.ז.וו. אום באַקונין'ן צוצושרייבען זאַכען, פֿון וועלכע ער האָט גראַדע בעהויפּטעט דאָס געגענטהייל. און אַלע דיזע נידריגע מיטלען וועלכע זיינען אונווירדיג פֿאַר אַ מאַן, וועלכער בעזיצט נאָר אַ שטיקעל זעלבסט־רעספּעקט, האָט מאַרקס אָנגעווענדעט, אום צו בעווייזען די פּאָליטישע אונעהרליכקייט פֿון זיין געגנער.

די שמוץ־שריפֿט פֿון מאַרקס, וועלכע איז פּובליצירט געוואָרען אין פֿראַנצויזישער שפּראַכע אין לאָנדאָן און האַמבורג, איז אין פֿראַנקרייך ווייניג געלעזען געוואָרען; אָבער די דייטשע איבערזעצונג איז פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד זעהר פֿיל געדרוקט געוואָרען. דיזעס געמיינע פּאַסקוויל איז נאָך היינט אַ וואַפֿע אין די הענד פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, מיט וועלכע זיי בעקעמפֿען די פֿרייהייט־ליבע אידעען אין דייטשלאַנד, האָלאַנד, דעם פֿלאַמלענדישען טהייל פֿון בעלגיען און אין די סאַנדינאַווישע לענדער.

עס איז ניט נויטווענדיג צו ווידערלעגען די בעשולדיגונגען, וועלכע מאַרקס האָט געשליידערט געגען באַקונין אין זיין טרויריגער און געמיינער בראָשורע, די אויפֿקלערונגען, וועלכע דר. נעטלוי האָט אונז געגעבען אין דיזער בעציהונג מאַכען יעדע ווידערלעגונג איבערפֿליסיג; איין זאַך איז אָבער יאָ נויטווענדיג: די זאָגענאַנטע אונטערזוכונגס־קאָמיסיאָן פֿון דעם האַאַגער קאָנגרעס האָט באַקונין'ן אויך בעשולדיגט צו זיין אַ שווינדלער און אַ בעטריגער און דיזע אַנגעלעגענהייט מוזען מיר נאָך אויפֿקלערען. אויך ביי דיזער אַנקלאַגע האָט די וואַהרהייט געשפּילט פּונקט אַזאַ קליינע ראָלע ווי ביי אַלע אַנדערע בעשולדיגונגען. די אונטערזוכונגס־קאָמיסיאָ איז פֿערשעמט געוואָרען, אויפֿהויבענדיג דיזע אַנקלאַגע. ניקאָלי יוקאָווסקי האָט געוואָלט געבען אַ פֿאָלשטענדיגע און דעפֿיניטיווע אויפֿקלערונג איבער אַלע איינצעלהייטען פֿון דער בעטרעפֿענדער אַפֿערע; אָבער מאַרקס, וועלכער האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען זיין געגנער מאָראַליש צו פֿערניכטען, האָט דורכגעזעצט, אַז די קאָמיסיאָן האָט זיך

ענטזאַגט אויסצוהערען יוקאָוואָסקי'ס ערקלערונג. נאָכדעם ווי די צייטונגען האָבען פובליצירט דעם בעשלוס פון דער קאָמיסיאָן, האָט אַ גרופּע פון רוסישע עמיגראַנטען אין דער שווייץ פערעפענטליכט דעם פאָלגענדען פראָטעסט אין דער ברוסעלער "Liberte" (פרייהייט), וועלכע איז דאַן געווען דאָס וויכטיגסטע אָרגאַן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזמוס:

„גענף און ציריך דעם 4טען אָקטאָבער 1872. אין דיזעם בעריכט, (געמיינט איז דער בעריכט פון דער האַאַגער אונטערזוכונגס-קאָמיסיאָן) וועלכער איז אָהנע צווייפעל פעראורזאַכט געוואָרען דורך דעם קליינליכען האַס און דורך דעם וואונש זיך צו בעפרייען אום יעדען פרייז פון אַ אונבעקוועמען געגנער, האָט מען אויך בעהויפּטעט, אַז אונזער פריינד אין לאַנדסמאַן מיכאַאיל באַקונין איז אַ שווינדלער און בעטריגער. די מאַיאָריטעט פון דעם קאָנגרעס האָט בעגאַנגען אַ גרויסע געמיינהייט, מיט דעם וואָס זי האָט אויסגעשלאָסען אַ מאַן, וועלכער האָט געקעמפּפט זיין גאַנצעס לעבען פאַר די גרויסע זאַכע פון דעם פראָלעטאַריאַט, און וועלכער האָט בעצאָהלט דיזעס פערברעכען מיט אַכט יאָהר קערקער אין פעשידענע דייטשע און רוסישע פעסטונגען און מיט 4 יאָהר געפאַנגענשאַפט אין סיביר. ווען עס האָט איהם געלונגען אין 1861 צו ענטלויפען פון סיביר, איז ער בעשמוצט געוואָרען דורך די נידריגע פערלוימדונגען פון די מאַרקסיסטען, וועלכע האָבען איהם שטענדיג פערדעכטיגט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָדער אין דער ניט-סאָציאַליסטישער פרעסע אין דייטשלאַנד. מען האָט געלעזען די אידיאָטישע, לעכערליכע און שענדליכע ערפינדונגען, וועלכע דער „פאָלקסשטאַאַט" האָט פובליצירט זייט די לעצטע דריי יאָהר געגען באַקונין'ן. און יעצט האָט אַן אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבייטער־קאָנגרעס, וועלכער איז פון מאַרקס שוין לאַנג פאָרבערייטעט געוואָרען, אויף זיך גענומען די טרויריגע עהרע, זיך צו ערנידריגען אַלס ווערקצייג פון פערזענליכען האַס און ראַכע. מיר דיינקען, דאָס עס איז ניט נויטווענדיג און ניט ווינשענסווערטה זיך היער צו בעשעפטיגען מיט די זאָגענאַנטע טהאַטזאַכען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די אַנקלאַגע געגען אונזער פריינד און לאַנדסמאַן. מיר זיינען פערזענליך בעקאַנט מיט אַלע איינצעלהייטען פון דיזער אַפערע און מיר ווען אַנווענדען אַלע אונזערע קרעפטע, אום פעסט־צושטעלען די וואַהרהייט. מיר געפינען זיך לײדער געגענווערטיג אין דער אונגליקליכער לאַגע צו שווייגען, אום ניט צו קאָמפּראָמאָטירען אַן אַנדער לאַנדסמאַן פון אונז, וועלכער איז ניט אונזער פריינד, אָבער ער איז געוואָרען דאָס אָפּפער פון די פערפאָלגונגען פון דער רוסישער רעגירונג און דערפאַר האָבען מיר געוויסע הייליגע פערפליכטונגען. קאַרל מאַרקס, וועמענס גרויסע פעהיגקייטען מיר אַנערקענען, האָט אין דיזער בעציהונג געמאַכט אַ פאַלשע רעכנונג. אַלע עהרליך דיינקענדע מענשען אין דער גאַנצער וועלט וועלען זיך אָבקעהרען מיט עקעל און פעראַכטונג פון

דיזער נידריגער אינטריגע און דער אָפֿענער פֿערגוואַלטיגונג פֿון די איינ־פֿאַכסטע פרינציפען דער גערעכטיגקייט. וואָס אַנבעלאַנגט רוסלאַנד קענען מיר מאַרקס פֿערזיכערען, דאָס אַלע זיינע מיטלען זיינען געוועזען אומזיסט. באַקונין איז צופֿיל רעספעקטירט און בעקאַנט, אום מען זאָל גלויבען אַזעלכע פֿערלוימדונגען, וועלכע קענען העכסטענס געפֿינען אַן עכאָ אין דער רוסישער פאָליציי־פרעסע און אין דער בעריהמטער „רוסישער אינ־טערנאַציאָנאַלע,” פֿון וועלכע מאַרקס רעט אַזוי פֿיל, און וועלכע איז טראָץ דעם פֿאָלשטענדיג אונבעקאַנט אין אונזער געבורטס־לאַנד. — ניקאָליי אָגאַרעוו, באַרטעלמי זאַיזין, וולאַדימיר אָזעראָף, א. רָאָזאַ, וואַלדעמאַר האָלסטיין, ז. ראַללי, אַלעקסאַנדער אָדסניטץ, וואַלעריאַנאַ סמירנאָוו.”

וואָס זיינען די טהאַטזאַכען, אויף וועלכע מאַרקס האָט געגרינדעט זיין לעצטע אַנקלאַגע געגען באַקונין? איך וועל דאָ איבערגעבען מיט איינגע ווערטער, אום וואָס עס האַנדעלט זיך אייגענטליך. נעגרעסאָל, וועלכער איז קירצליך געשטאָרבען אין אַ רוסישער פֿעסטונג, האָט געמאַכט אין נאָמען פֿון באַקונין אַ קאָנטראַקט מיט אַ רוסישען בוכהענדלער פֿאַר די איבער־זעצונג פֿון דעם 1טען באַנד פֿון מאַרקס „קאַפּיטאַל.” די אַרבייט איז בערעכענט געוואָרען פֿאַר 900 רובעל, וועלכע ער זאָל באַקונין'ן אויסבעצ־צאָהלען אין פֿאָרויס, ווי באַלד ער וועט זיך איבערציהען פֿון זשענעוואַ נאָך לאָקאַרנאָ. די איבערזעצונג איז געוועזען זעהר שווער, און באַקונין האָט נאָר דריי זייטען געקענט פֿערטיג מאַכען אין אַ טאָג; שפּעטער האָט ער געקענט איבערזעצען 10 זייטען אַ טאָג, און ער האָט געדיינקט צו ענדיגען די גאַנצע אַרבייט אין 4 מאָנאַט צייט. יוקאָווסקים פֿרוי האָט אָבגעשריבען דאָס מאַנוסקריפּט פֿאַר באַקונין, אַלע דיזע איינצעלהייטען קען מען לעזען אין די בריף, וועלכע ער האָט געשריבען אַן אָגאַרעוו. אַם 14טען יוני 1870 האָט ער ווידער געשריבען אַן אָגאַרעוו, דאָס „צוליב דער אונגליק־ליכער געשיכטע מיט ל.(1) קען ער זיך מעהר ניט בעשעפֿטיגען מיט איבערזעצונגען.” אין דערזעלבער צייט איז נעטשאַיעוו צוריקגעקומען פֿון רוסלאַנד און עס האָט איהם געלונגען צו געווינען דעם פֿערטרויען פֿון באַקונין. באַקונין האָט איהם געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז עס וואָלט גוט געוועזען, ווען ער זאָל אָבגעבען זיין גאַנצע קראַפֿט פֿאַר דער רעוואָלוציאָ־נערער בעוועגונג אין רוסלאַנד און דאָס ער וואָלט צופֿרידען געוועזען צו געפֿינען אַן איבערזעצער, וועלכער זאָל ענדיגען די אַרבייט פֿאַר די איבריגע 600 רובעל. (באַקונין האָט פֿון די 900 רובעל פֿאַר די איבער־זעצונג פֿון דעם „קאַפּיטאַל” ערהאַלטען 300 רובעל, פֿאָלגליך האָט דער בוכהענדלער נאָך נעדאַרפֿט בעצאָהלען 600 רובעל.) יוקאָווסקי האָט געמאַכט דעם פֿאָרשלאַג, אַז די גאַנצע גרופּע, וועלכע האָט זיך דאַמאַלסט פֿעראייניגט אַרום באַקונין, זאָל זיך בעשעפֿטיגען מיט דער וויטערער איבערזעצונג און באַקונין זאָל נאָר מאַכען די רעוויזיאָן. אָבער נעטשאַיעוו

האָט ערקלערט, אַז ער וועט רעגלען די גאַנצע אַנגעלעגענהייט, אַז אַלע וועלען זיין צופרידען, און באַקונין, פערלאָזענדיג זיך אויף איהם, האָט זיך ניט מעהר בעשעפטיגט מיט דער איבערזעצונג. אָבער נעטשאַיעוו, דיזער אונווירדיגער מענש, וועלכער האָט שפעטער בעגאַנגען אַזוי פילע נידערטרעכטיגקייטען, האָט געשריבען אַ בריף אַן דעם בוכהענדלער, אין וועלכען ער האָט איהם ערקלערט, אַז מען וועט איהם ערמאָרדען, ווען ער וועט נאָר שרייבען איין וואָרט אַן באַקונין וועגען דער איבערזעצונג. דיזען בריף האָט מען שפעטער געשיקט אַן מאַרקס, וועלכער האָט איהם פאָרגעלייגט פאַר דעם קאָנגרעס אין האַאַג, וואו יוקאָווסקי האָט ערקלערט די איינצעלהייטען פון דיזער אַנגעלעגענהייט, פון וועלכע באַקונין האָט אַבסאָלוט ניט געוואוסט. באַקונין האָט שוין געהאַט איבערזעצט דעם דריטען טהייל פון דעם ווערק, און האָט בעקומען 300 רובעל פאַר דיזע אַרבייט, ד.ה. דעם דריטען טהייל פון דער סומע, וועלכע ער האָט געזאָלט בעקומען פאַר דאָס גאַנצע ווערק. עס איז דערפאַר געווען אַ גרויסע געמיינהייט צו רעדען פון אַ בעטרוג.

דער ערשטער טהייל פון דער אַנקלאַגע, וועלכע די אונטערזוכונגס־קאָמיסיאָן האָט געשליידערט געגען באַקונין אויף דעם בעפעהל פון מאַרקס, איז געווען פאַלש; דער צווייטער טהייל איז געווען פונקט אַזוי ווייניג ריכטיג ווי דער ערשטער, דען נעטשאַיעוו האָט געשריבען דעם בריף אָהנע דאָס באַקונין האָט געוואוסט פון דעם.

אַזוי האָט מאַרקס פערזוכט צו פערדעכטיגען באַקונין אַלס שווינדלער און בעטריגער, נאָכדעם ווי ער איז דורכגעפאַלען מיט זיינע שענדליכע פערלוימדונגען, ערקלערענדיג אַז זיין נעננער איז אַ רוסישער שפיאָן און פאַלשמינצער. אָבער אַלע דיזע פייגע און געמיינע פערלוימדונגען געגען דעם גרויסען רעוואָלוציאָנער האָבען נאָך בייגעטראָגען צו פערהערליכען זיין נאָמען; ביז צו זיין טויט איז ער געליבט און רעספעקטירט געוואָרען פון אַלע זיינע לאַנדסלייט, פון די רוסישע עמיגראַנטען און פון אַלע די יעניגע עלעמענטען אין אייראָפאַ, וועלכע זיינען מיט איהם בעפריינדעט געווען, און וועלכע האָבען געקעמפפט ווי ער פיר די פרייהייט און געגען דעם דעספאָטיזמוס.

(1) ה. לאָפאַטין, דער איבערזעצער פון דעם קאַפּיטאַל. **Nettlau, II. 383.**

ענדע.

פערלאג די „פראָלעטאַרישע וועלט“.

פיליפּ קראַנץ.

קלאָרע דבורים

צו אידען בכלל און ארבייטער בפרט.

ווילנא — 1907.

דרוקעריי פון ווידמאַן און נעבריידער ראָם.

Открытое Слово къ еврейскому рабочему.

Max Cohen, 5 Hester Street, New York

443

Вильна. Типографія „Вдова и братья Роммъ", Уголъ Духовскаго
и Глухого пер. соб. домъ № 1/2

אַ שְׁטִיקֶעל הַקְדָמָה.

וואָס עֶס האָט גֶעזאָלט זײַן אַ פאָרטראַג אויף אַ פֶערזאַמלונג פון דער אִידישֶע סֶעקציאָן פון דער פּ. פּ. ס. ד. אִין לֶעמבֶּערג, זאָל יעֶצט זײַן אַ ביכעֶל.

אִיך האָבּ נִיט גֶעמײנט און האָבּ גאָר נִיט ברעה אויסצואַרבּײטֶען עֶפּעֶס אַ „נײַעֶ פּראָגראַם" אָדעֶר אויסצופּישט'לעֶן עֶפּעֶס אַ „נײַעֶ טהעֶאָריעֶ" ספּעֶציעֶל פאַר דעֶם „אויסעֶרוועֶהלטעֶן פאָלק", זאָנדעֶרן פּשוט אויסצודריקעֶן די מײנונג פון אַן'אַלטעֶן אִידִיש־שפּרעֶכעֶנדעֶן סאָציאַל־דעֶמאָקראַט איבּעֶר די, זאָ צו זאָגעֶן, בּרעֶנעֶנדעֶ טאַגעֶספראַגעֶן אִין געֶוויסעֶ „הדרים" פון דעֶר אִידִישעֶר גאַס, ווי ווײַט אִיך האָבּ זײ קעֶנעֶן געֶלעֶרנט דורך מײן בּעֶקאַנשאַפט מִיט די פאָרשטעֶהעֶר און מִיט דעֶר לִיטעֶראַטור פון די פעֶרשִיעֶדעֶנעֶ אִידִישעֶ פאַרטײעֶן.

פּראָגראַמעֶן פעֶהלעֶן בּה"ש נִיט בּײ אונז אִיזעֶן. מִיר האָבּעֶן זײ בּיז אִיבּעֶר'ן קאָפּ. זײ „פּרוכפּעֶרן" זיך קײן עין הרעה גאַנץ שנעֶל און מאַכעֶן זִיכעֶר מעֶהר געֶטומעֶל אִין די קלײנעֶ און גרויסעֶ גהעֶטאָס, ווי זײ פעֶרדינעֶן עֶס. אַלעֶ ווענדעֶן זיך צום אַרבּײטעֶר, אַפּעֶלירעֶן צו אִיהם און מאַקעֶ נאָר צו אִיהם, אַרויסשטעֶלעֶנדיג אִיהם פאַר אַ רעֶטעֶר פון גאַנצעֶן יודעֶנטהום. דעֶר אַרבּײטעֶר, דעֶר בעל־מלאכה, מִיט וועֶלכעֶן מעֶן האָט זיך גאָר נִיט לאַנג צוריק געֶשעֶמט אִין דעֶר אִידִישעֶר משפחה, אִיז יעֶצט אַרײן אִין דעֶר מאָדעֶ. עֶר אִיז דעֶר העֶלד, דעֶר נײַעֶר דור וואָס וועֶט מִיט אַ שטײנדעֶל דעֶרהרג'עֶנעֶן דעֶם אַנטיסעֶמיטישעֶן גלית און וועֶט בּרײנגעֶן משיח'ס צײַטעֶן אִין ארץ ישראל גופא אָדעֶר עֶרגעֶץ סתם אִין אַ טעֶריטאָריעֶ.

ער האָט זיך וועגען דיזען אינגליקליכסטען פון אַלע אינגליקליכע ישראליקס געקימערט נאָך אפילו מיט אַ יאָהר צעהן צוריק, אויסער אַ קליינע צאָהל אינטעליגענטען, און גראַדע אַ סימלירטע אינטעליגענטען, וועלכע האָבען נאָך ניט פערגעסען דעם מאַמע־לשון און וועלכע האָבען איהם געוואָלט אויפקלערען אַביסעל און אַריינשלעפּען אין די רייהען פון דעם קלאַסענבעוואוסטען פּראָלעטאַריאַט, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע? אָבער יעצט האָט ער געקראָגען אַזוי פיעל נייע „פריינד"!... די אמת'ע בלוי־ווייסע ציוניסטען, די רויטליכע ציוניסטען, די סאָציאַליסטישע פּועלי־ציון, די טעריטאָריאַליסטען, די סיימיסטען און ווער ווייס ווי דיזע אַלע קליינבירגערליכע „אידעאָלאָגען" רופען זיך היינט — זיי אַלע רייסען דעם אַרבייטער פאַר די פּאָלעס און שלעפּען איהם צו זיך אין קלייזעל. „קום צו אונז, גוטער ברודער, טייערער שניידער, זיסער שוסטער, קום אין אונזער קלייזעל, דאָרט וועסטו געהאָלפען ווערען פון אַלע דיינע צרות, דאָרט וועסטו ווערן אַ מענש צוזאַמען מיט כל ישראל. דאָ אין גלות איז גאָר קיין רעטונג פאַר דיר ניטאָ. מיר וועלען דיך פיהרען, ניין! דו, ברודער, מיט דיין שטאַרקער האַנד וועסטו אונז פיהרען אין אַ אייגענע לאַנד, וואו מיר וועלען אַלע גענעזעלט ווערן".

און ער, דער נייער משיח? ער לעבט נעבעך אין געהאַקטע צרות, ווי געוועהנליך, נאָר יעצט ווערט נאָך זיין קאָפּ צוטומעלט פון דער נייער תורה, פון אַ נייעם סאָרט אתה־בחרתנו'ניזמוס מיט „פּראָלעטאַריזאַציעס", „העכערע און נידעריגע פּראָלעטאַריער", מיט „היסטאָרישע נאָטווענדיגקייטען פון אַ טעריטאָריע", מיט מאַרקסיזמוס אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין לשנה הבא בירושלים און מיט אַ גאַנצען אַרסענאַל פון האָרשפּאַלטענדע חקירות, פון וועלכע אפילו אַן אינטעליגענט קען קריגען אַ קאָפּ־ווייטאָג. ער, דער צוקינפטיגער העלד פון דעם נייעם אתה בחרתנו־ניזמוס, ער זוכט נאַטירליך אַן אויסוועג פון זיינע היינטיגע צרות, ער וויל נעוויס פערבעסערן זיין לאַגע; אָבער ביי דעם ערשטען שריט שטויסט מען איהם צו פערקירעווען זיך אויף זייטיגע וועגען, צו פערקריכען אין אַ וועלט פון חלומות, פון בורזשואַזע פּלוידערייען.

זיינע שוואַכע קרעפטען דען נאָך אַלעמען איז דער ניי־געבאָ-

רענער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַ גאַנץ קליינער טהייל פון דער אידישער בעפעלקערונג — ווערן אַזוי נאָר צוברעקעלט און צופּיצעלט. אָט דאָ אין גאַליציען קריעגט דער אידישער אַרבייטער אַזאַ קלעגליכען לוין, אַז עס איז איינפאַך אַ וואונדער, וויא אַזוי ער קען דערהאַלטען דיא נשמה אין גוף. עס איז ניט אַ לעבען, נאָר אַ לאַנגזאַמע אויסהונגערונג. און דאָך, אַנשטאָט צו פעראייניגען זייערע שוואַכע קרעפטע, אַנשטאָט צו קעמפּפען אַלע צוזאַמען צו פערבעסערן זייער לאַגע, זיינען זיי צוטהיילט און צוגליעדערט. דאָ געהערט אַ פאַך־פעראיין צו דיא פּועלי־ציון, דאָרט צו דיא סעפּאַראַטיסטען, אין אַנ׳אַנדער אָרט צו דיא פּ. פּ. ס. ד. ווען דיא סעפּאַראַטיסטען רופען אַ פערזאַמלונג פון אַרבייטער, קומען דיא פּועלי־ציוניסטען איהר צו שטערען, און פערקעהרט. ווען אַ פאַך, וואָס איז אונטער דער לייטונג פון איין קלייזעל, סטרייקט, דאַן זיינען דיא אַנדערע קלייזלאַך גאַנץ גלייכגילטיג דערצו, עפּעס אַזוי וויא דאָס וואָלט גאָר געווען אַ זייטיגע זאַך פאַר אַרבייטער. און דאָס איז נאָך גוט, דען עס טרעפט אויך, אַז איין פאַך האָט צוויי פערשיעדענע פעראיינען, וועלכע בעקעמפּפען איינע דיא אַנדערע אפילו אין דער צייט פון אַ סטרייק!...

מיר איז אויסגעקומען ביי־צו־וואָהנען אין לעמבערג אַ גרויסע פערזאַמלונג פון האַנדעלס אַנגעשטעלטע, פון פּריקאַזטשיקעס, וועלכע געהערען צו דער פּ. פּ. ס. ד., און דאָרט האָב איך געזעהען איינע פון אַזעלכע ברידער־מערדערליכע אַטאַקעס: מיטגליעדער פון דעם פעראיין פון האַנדעלס־אַנגעשטעלטע, וועלכע געהערען צו דיא פּועלי־ציון, זיינען געקומען איינפאַך צו צושטערן דיזע פערזאַמלונג, וויא זיי האָבען עס פריהער געטאָן אין קראַקאָוו, נאָר דיזעס מאָל איז געלונגען זיי שנעל אַרויסצושליידערן פון זאַאַל.

קורץ, איך האָב אויסגעפונען, אַז עס הערשט יעצט אַ זעלבסטפערניכטענדע צוברעקלונג, אַ געפעהרליכער פלאָנטער אין דיא רייהען פון דיא אידישע אַרבייטער, און דאָס האָט מיך בעוואָגען צו זאָגען דיא „קלאָרע דיבורים״, וועלכע איך האָב איבערגעגעבען מיינע געזינונגס־גענאָסען צום דרוק מיט דער האָפנונג, אַז דיזע דיבורים וועלען ניט בלייבען וויא אַ קול אין דער מדבר.

נאל ציען, סעפּטעמבער 1906.

פּ. קראַנץ.

קלאָרע דיבורים

צו אידען בכלל און אידישע אַרבייטער בפרט.

איך וועל דאָ לאָזען אָן אַ זייט די פראַגע, אויב אידען זיינען אַ נאַציאָן אין פולען זינען פון דיזען וואָרט, מיט אַלע פּרטים, מיט אַלע פּישצעוואָקעס; אָדער זיי זיינען אַ נאַציאָן מיט איינִיגע אויסנאַהמען מיט אַ מין „אתה־בחרתנו־ניזמוס", וואָס זאָל שטאַמען נאָך פון ערשטען חורבן אָן אָדער פון לאַנגען גלות; אָדער אפשר זיינען זיי גאָר קיין נאַציאָן ניט, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע....

איך וועל אויך לאָזען אָן אַ זייט די נייגעבאַקענע טהעאָריעס פון די אַלערליי פּועלי־ציון און טעריטאָריאַליסטען, וועלכע האָבען צוגעטשעפּעט צו דעם אַלטען קלאָגעדיגען „לשנה הבאה בירושלים" פּיצלעך פון דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזמ׳ס און וועלכע בעצירען אַלץ מיט׳ן אונזער גרויסען צלוועלמליכען לעהרער קאַרל מאַרקס מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט פּיאות׳ן און אפילו מיט אַ שטריימעל...

איך וועל ווייטער נאָר אַביסעל בעריהרען די נאַציאָנאל קולטורעלע פערדרייהעניסען פון דעם „בונד", וועלכער האָט ליידער די לעצטע יאָהרען צוגעטאַנצט צווישען צוויי שטוהלען און וועלכער וועט יעצט, נאָך דעם לאָגישען בעשלוס פון דעם לעצטען צוזאַמענפאָהר פין דיזען טהייל פון אידישען פּראָלעטאַריאַט, האָפענטליך אַרויסטרעטען אויף דעם ריינעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען וועג אָהן שום ערב־רב ...

אום דאָס אַלעס גרינדליך פאַנאַנדער צו גליעדערן און צו ערקלערן, דאַרף מען אָנשרייבען אַ גאַנצען בוך אָדער ווייניגסטענס עטליכע לאַנגע אַרטיקלען אין אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל. איך וועל עס טאָן, האַפענטליך, אין אַ קורצער צייט אַרום, ווייל עס איז זעהר נויטיג אַריינצוברענגען קלאָרהייט אין די מוחות פון די נאָך אייגענטליך גאַנץ ווייניג אויפגעקלעהרטע אידישע אַרבייטער, וועלכע לאָזען

זיך פערשלעפען אין דער ציוניסטישער חלום־וועלט אזש ביז א טעריטאָריע חאָטש אויף דער לבנה ... דערוויילע וועל איך מיך ניט פערנעהמען מיט פאָלעמיקעס און אפילו ניט מיט טהעאָריעס און וועל איינפאך וואַרפען אַ קלאָרען און פראַקטישען בליק אויף דעם, וואָס עס טהוט זיך אין דער ווירקליכקייט אַרום אונז, אום דערפון צו שליסען, ווי אַזוי מיר דאַרפען זיך פיהרען, ווי אַזוי מיר דאַרפען האַנדלען אין דער ווירקליכקייט.

* * *

אַלזאָ, וואָס זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט, ווען מיר ווילען ניט אָנטאָן ציוניסטישע אָדער טעריטאָריאַליסטישע שפּאַקולען און ווען מיר סטאַרען זיך צו בעטראַכטען די גרויסע אַרומיגע וועלט מיט אָפענע אויגען?

צוערשט זעהען מיר, אַז מיר לעבען טאַקע אין גלות; אָבער יעדערער אין אַ בעזונדערן גלות. אידען זיינען טאַקע צו־שפּרייט איבער דער גאַנצער ערד, אָבער כמעט אין יעדען לאַנד האָבען זיי בּיסלעכווייז אָנגענומען אַ בעזונדערע פיזיאָ־גנאָמיע. די ציוניסטען און אין אַלגעמיינען אידישע נאַציאָנאַליסטען טענה'ן צוואר, אז מען קען אידען בכלל. אוים דעם, וואָס אויף זייערע קאָנגרעסען האָבען זיי געהאַט פערטרעטער פון פערשידענע לענ־דער, האָבען זיי געשלאָסען, אַז אַלע אידען האָבען איין פּנים, און מעסטען זיי אַללעמען מיט איין מאָס. אָבער אין דער אמת'ן איז עס גאָר ניט אַזוי. ווען מען רעדט וועגען אידען, מוז מען פרעגען: וועלכע אידען מיינט מען? מיינט מען עס די קאַווקאַזער אידען, וועלכע זעהען אויס ווי טשערקעסען? מיינט מען עס די אַזיאַ־טישע אידען, פון וועלכע אייניגע האַלטען נאָך צוואר ניט פון דעם חרם דרבנו גרשון און האָבען זיך עטליכע ווייבער גאָר ניט להבדל ווי די טערקען? מיינט מען עס די מאָראָקער אידען, וועלכע זיי־נען פערווילדערט געוואָרען צווישען די מאַהאָמעדאַנער זייט גלות שפּאַניען? מיינט מען עס די דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע, פּוילישע, רומענישע, רוסישע אידען, אָדער אפשר גאָר די אידען אין ירושלים אונטער דער הערשאַפט פון איהר מאַיעסטעט די בריסקער רבי'צען?

פּרובירט נאָר צוזאַמענצושטעלען אַ „יודען־שטאַאט" ניט אין

דער פאַנטאַזיע, נאָר טאַקע אין דער ווירקליכקייט, וועט איהר זעהען, ווי ווייט דיזע אידען וועלען ניט שטימען אין זייערע פיהרונגען, שטרעבונגען, סמנונגען און אידעאַלען; וועט איהר זעהען, ווי הימעלווייט עס איז, צום ביישפיעל, אַן ענגליש-פראַנצויזישער איד פון אַן ענגליש-טערקישען. אַלץ הייסט אידען! פון זיי אַלעמען וויל מען עס מאַכען איין קאַשע, אַ ציוניסטישע געריכט, וואָס זאָל אַלעמען שמעקען, וואָס זאָל פאַר אַלעמען האָבען איין טעם! זיי אַלעמען וויל מען צוזאַמענשמעלצען אין איין נאַציאָן, ווען זיי קענען זיך אפילו ניט צוזאַמענריידען אין איין שפּראַך! וואָס פאַר אַ קינדער-שפּיעל, וואָס פאַר אַ חלום, וואָס פאַר אַן אונזין! נעהמט אַוועק ביי דיזע אַלע טיפּען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט דורך אַ פערשיעדענעם לעבען, אונטער פערשיעדענע אומשטענדען אין אַ פערשיעדענעם גלות-לאַנד — נעהמט ביי זיי אַוועק די רעליגיאָן, צוליעב וועלכע זיי טראָגען נאָך אַלע דעם נאָמען אידען (די קאַראַימער, צום ביישפּיעל, ווערען דאָך ניט גערעכענט פאַר אידען, אָבגלייך זיי שטאַמען נאָך אפשר מעהר פון די בני ישראל, ווי מיר), וואָס וועט פון זיי בלייבען אין אַ נאַציאָנאַלען זינען? וועט דען דער פראַנצויזישער איד ניט ווערן גלייך אַ פראַנצויז פון פראַנצויזען-לאַנד, דער טערקישער איד — פון טערקען-לאַנד, דער פּוילישער איד — פון פּוילען-לאַנד א. ז. וו.?

קורץ, ווען מען רעדט וועגען אידען, דאַרף מען ניט גאָבמאַנצען דיא אַנטיסעמיטען, וועלכע קריכען פון הויט אַיינצוריידען דעם עולם, אַז אַלע אידען זיינען איין נאַציאָן אָדער בילדען עפּעס אַ מין חברה כל ישראל חברים; זאָנדערן מען דאַרף זיי ספּעציפיציר ען בעזאָנדערס ווען מען האָט אין איינ פּראַקטישע צוזעקען, ניט כתם חלומות, ניט סתם בויך-כברות וועגען אַ „יודענשטאַאַט“ אין דער וועלט אַריין.

און דאַן, ווען מיר קוקען נאָר אַזוי, דאַן זעהען מיר, צווייטענס, אַז יעדער איד איז מעהר אָדער ווייניגער צוגעבונדען צו דעם לאַנד, אין וועלכען ער איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרן, אין וועלכען ער לעבט און קעמפּפט. דאַן זעהען מיר ווייטער, אַז וואָס העכער עס שטעהט דיא קולטור פון אַ לאַנד, אַלץ שנעלער און טיעפער אַסימילירט זיך דאָרט דער יוד. דאָס זיינען פאַקטען, וועלכע מען קען ניט אָפּשטרייטען, סיידען מען וויל

צומאכען דיא אויגען און שרייען, אז עס איז פינסטער. מיט קיינע פראזען וועגען א „גליקליכע צוקונפט" אין אן „אייגען־לאנד" וועט מען ניט ארויסרייסען פון הארצען דיזען נאטירליכען געפיהל צו דעם געבורטס־לאנד, וואו עס זאל זיך ניט געפינען; מיט קיינע „טהעאריעס" וועגען „דיא נויטווענדיגקייט פון א טעריטאריע פיר אידען" וועט מען ניט אבשטעלען דיא ראד, וועלכע קייקעלט זיך שטענדיג אויף דעם וועג פון אסימילאציאן.

יא, אויף דעם וועג פון אסימילאציאן, ווייניגסטענס פון עקאנאמישע און פאליטישע אסימילאציאן! ביי דיא ציוניסטען איז עס אזוי וויא תורת משה ביי פרומע אידען, דאס דיא אסימילאציאן איז דורכגעפאלען, דאס זי האט ניט נאר ניט געלעזט דיא אידישע פראגע, זאנדערן זיא וועט עס קיין מאל ניט קענען לעזען, אונטער קיינע אומשטענדען. דאס איז אבער בלויז א פראזע, וועלכע קען נאר האבען א זינען אין דעם פאל, ווען אונטער דעם ווארט אסימילאציאן פערשטעהט מען ניט אנדערס, וויא פאלשטענדיגע צוזאמענמישונג און צוזאמענשמעלצונג מיט דיא ארומיגע פעלקער, פראסט גערעט, אן אלגעמיינען שמד. צו אזא אסימילאציאן האבען אפשר געשטרעבט די ערשטע משכילים נאך מענדעלסזאהן'ס טויט, וואס עס האט זיך אויסגעדריקט אין דיא בעריהמטע „בערלינער טויפונגען"; אבער נאכהער איז דיא אסימילאציאן אוועק אויף איהר נאטירליכען קולטורעלען וועג, נעמליך: אויף א צופאסונג פון אידען צו דיא נייע ארומיגע לעבענסבעדינגונגען. מיר מוזען גלייך ערקלערען, דאס ווען מיר ריידען וועגען אסימילאציאן, פערשטעהען מיר עס אט אין דיזען לעצטען זינען.

וואס דיא יעצטיגע אידישע נאציאנאליסטען זאלען ניט מענה'ן, וואס פאר נייע טהעאריעס זיי זאלען ניט באקען און נאך מעהר פערפלאנטערן דיא זעהער פערפלאנטערטע נאציאנאלע פראגען; אבער לייקענען, אז דיא אסימילאציאן האט געווירקט און הערט ניט אויף צו ווירקען אויף אידען אין אלע קולטור־לענדער, הייסט איינפאך לייקענען פאקטען. דיא זעלבע ציוניסטען, וואס ביי זיי לייגט זיך אזוי לייכט און איינפאך אויפ'ן שכל, דאס עס איז מעגליך און א פערהעלטניסמעסיג נאהענטער צוקונפט אויפצובויען א „יודענשטאאט", ווילען גאר ניט נעהמען אין אנבעטראכט, אז מנהגים און געוואהנהייטען פערשווינדען זעהר לאנגזאם, אז יעדע אסימילאציאן

מוז אָנגײַן לאַנגזאַם, וויא איבערהויפּט יעדע געזעלשאַפט־ליכע ענדערונג; אַז דיא אידען פון דיא גהעטאָס האָבען ניט געקענט באַ'ד ווערן „דײַטשען".

אין דיא פּאָרטגעשריטענערע לענדער איז דער אַסימילאַציאָנס־פּראָצעס אָנגעגאַנגען שנעלער, וויא אין דיא הינטערשטעליגע לענדער, וואָס עס איז ווידער נאַטירליך. גראַדע דאָרט, וואו אידען האָבען מעהר פרײַהײַט, גראַדע דאָרט אַסימילירען זײ זיך שנעלער, לײַכטער און גרינדליכער. ווען עס וואָלט געוועזען פערקעהרט, אָדער ווען עס וואָלט פּאָרגעקומען, אַז דיא אידען וואָלטען זיך איבעראַל גלײַך אַסימילירט, דאָס הײַסט ווען דיא ספּעציעלע קולטור און דיא ספּעציעלע געשיכטע פון יעדען לאַנד וואָלטען ניט געווירקט אויף זײ ספּעציעל, וואָלטען ניט אַרויפגעלײגט אויף זײ אַ בעזונדערן שטעמפּעל — ערשט דאַן וואָלטען דיא יעצטיגע נאַציאָנאַליסטען, אונזערע מאָדערנע אתה־בחרתנו'ניקעס, געקענט מיט רעכט בעהויפּטען, אַז „דיא אַסימילאַציאָן האָט בעוויזען, דאָס זיא קען ניט גרינדליך ענדערן דעם שטאַנד און דיא לאַגע פון אידישען פאָלק".

זיא האָט אָבער ניט נאָר בעוויזען, אַז זײַט מענדעלסאָהן'ס צײַט, ספּעציעל זײַט דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, האָט זיך אַ גרויסער טהײל פון אידען אין אַלע אויראָפּעאישע לענדער אַסימילירט; זאָנדערן אַז דער זעלבער נאַטירליכער פּראָצעס דרינגט אַרײַן אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקלעך, אין דיא עלטעסטע און אָבגעזונדערסטע פון דיא אַמאָליגע גהעטאָס. דיא צאָהל פון דיא אידען אין דיא ווירקליכע גלות־קלײדער — איך מײן דיא „נאַציאָנאַלע" לאַנגע קאַפּאָטעס מיט דיא גאַרטלען, ספּאָדקעס, שטרײַמלעך א. ז. וו. — מיט דער ווירקליכער גלות־שפּראַך — איך מײן אונזער אָרימען דײַטשען זשאַרגאָן — דיא צאָהל פון אַזעלכע אידען ווערט אַלץ קלענער אפילו אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקלעך פון גאַליציען, אין דיא שטאַרקסטע פעסטונגען פון דעם חסידיזמוס, וועלכער איז געוועזען און בלײַבט נאָך דער שטאַרקסטער מויעד געגען אַסימילאַציאָן.

דער חסידיזמוס שטאַרבט אָב און מוז אָבשטאַרבען, וויעדער מײַסטענס צוליעב עקאָנאָמישע אורזאַכען, ווי יעדערער, וואָס איז פיעל־ווייניג בעקאַנט מיט די גאַליציאַנער אומשטענדען, ווײס עס. נאָר, נאַטירליך, עס וועט נאָך דויערן אַ לאַנגע צײַט ביז ד' לעצטע שטרײַמעל וועט אויך פערשווינדען אין אַלע שטעטלעך פון גאַ־

ליציען; אָבער מיר מעגען זיכער זיין, אַז מיט יעדען נייען דור וועט מען אַלץ זעלטענער זעהען אַ אידען מיט אַ שטריימעל.

דאָס לעבען איז שטאַרקער פון אַלע הקירות, פון אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסען, פון אַלע אידעאָלאָגישע שטרעבונגען. ניט אירגענד וועלכע „איזמוסען", ניט אירגענד וועלכע טהעאָריעס האָבען געצוואונגען, צווינגען און וועלען צווינגען די אידען אַרויסצורייסען זיך פון די ענגע און פינסטערע געטאָס אין דער גרויסער און ברייטער וועלט אַריין, זאָנדערן איינפאַך דאָס לעבען, דער *קאַמפּף אום דאַזיין*. די אַסימילאַציאָן איז ניט בלויז דער רעזולטאַט פון השכלה, פון דער גייסטיגער בעוועגונג, פון דער נאַטירליכער שטרעבונג צו אייראָפּעאישע בילדונג, זאָנדערן אויך, און טאַקע הויפּטזעכליך, דער רעזולטאַט פון *עקאָנאָמישע אורזאַכען*. די אידען וואָלטען איינפאַך ניט געהאַט מיט וואָס צו לעבען, ווען זיי וואָלטען זיך ניט צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדען, צו די נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן האָט אַרויסגערופען. דיזע עקאָנאָמיש־געצוואונגענע צופּאַסונג צו די לעבענס־בעדינגונגען פון די פעלקער, צווישען וועלכע די אידען וואָהנען — דאָס איז אייגענטליך די אַסימילאַציאָן. זי איז אַלזאָ אַ היסטאָריש *מאַטעריאַליסטישע* און דערום אויך אַ געזעלשאַפטליך *נויטווענדיגע*.

דערמיט מיין איך אָבער אויף קיין פאַל ניט צו זאָגען, אַז איך בין אַן׳אַסימילאַטאָר, אָדער אַז די קלאַסענבעוואוסטע אידישע אַרבייטער, די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אָהן זייטיגע פערדרייהעניסען, אָהן שום אתה־בחרתנו׳ניזמוס, צו וועלכע איך געהער, דאַרפען זיין אַסימילאַטאָרען; אַז מיר זאָלען, זאָ צו זאָגען, טרייבע די אידען אין שמד אַריין.

ניין, מיר זיינען ניט אַסימילאַטאָרען און מיר שטרעבען אויך ניט דוקא צו אַסימילאַציאָן. מיר זיינען איינפאַך *נייטראַל* צו דער פראַגע. מיר שטרעבען צו גאַנץ עטוואָס אַנדערעס, מיר האָבען פאַר זיך פיעל וויכטיגערע פראַגען, פיעל העכערע אויפגאַבען און מיט זיי בעשעפטיגען מיר זיך. מיר זיינען נאָר זיכער, אַז די אַסימילאַציאָן וועט ממילא געהן אויף איהר נאַטירליכען און אונפערמיידליכען וועג; מיר פערשטעהען, אַז קעמפּפען געגען דעם הייסט קעמפּפען מיט ווינט־מיהלען, ווי אַ דאָן־קיכאָט.

אונזער ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע איז צו אָרגאַניזירען די אידישע אַרבייטער צום עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קאַמפּף צוזאַמען מיט זייערע ברידער פון אַלע לענדער, פון אַלע נאַציאָנען. מיר שטעהען אויסשליסליך אויף דעם פּראָלעטאַרישען שטאַנדפּונקט און אונזער ציעל איז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. מיר קימערן זיך יעצט ניט, אויב דאָס וועט שליסליך פיהרען צו ווייטערע אַסימילאַציאָן אָדער אפשר גאָר, ווי אונזערע ניי-מאָדנע נאַציאָנאַליסטישע טהעאָרעטיקער פּלפּול'ן, צו נאַציאָנאַליזמוס. איפריכטיג גערעדט, דענק איך, אַז דער רעזולטאַט פון אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן, פון אַ ריינעם פּראָלעטאַרישען קלאַסענקאַמפּף, פון אַ ריין סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וועט זיין אַן אַלץ ענגערע אַסימילאַציאָן, נאָר אויב ניט, זאָל זיין ווי עס וועט זיין. מיר וועלען ניט אַרויסטרעטען געגען אַ „יודענשטאַאט" אין ארץ ישראל אָדער ערגעץ אין אַ טעריטאָריע, ווי באַלד נאָר מיר וועלען זעהען, אַז עס גיעבט עפּעס אַ פּראַקטישע מעגליכקייט דאָס דורכצופיהרען. דערווייַלע זעהען מיר נאָר, אַז דאָס איז אַ חלום אין אַן אַנטיסעמיטישער נאַכט. דערווייַלע זעהען מיר, אַז דער פּאָליטישער ציוניזמוס האָט שוין באַנקראָטירט אפילו אין דער טהעאָריע, און וואָס אַנבעלאַנגט צו די נייַע מיני „טהעאָריעס", אויף וועלכע די טעריטאָריאַליסטען פאָהרען אַרוים, זאָ מוז יעדער אונפּאַרטייאישער מענש צוגעבען, אַז זיי האָבען ניט און קענען קיין מאָל ניט האָבען די אַנציהונגס-קראַפט, וואָס דער ציוניזמוס האָט געהאַט אין דר' הרצל'ס צייטען. דאָס הייסט, פּראָסט גערעדט, אַז דער טעריטאָריאַליזמוס וועט קיין מאָל ניט דערגרייכען צו דער שטופע פון אַזאַ אויפגעבלאָזענע פאָלקס-בעוועגונג, ווי דער ציוניזמוס איז עס פריהער געוועזן.

נאָר דאָס איז אַ נעבען-זאַך פאַר אונז. ווירקליך, וואָס מאַכט עס אונז אויס דער ציוניזמוס אָדער דער טעריטאָריאַליזמוס, ווען ביידע זיינען פוסטע פאַנטאַזיעס?

יעדענפאַלס, דאָס וואָס מיר ווייסען זיכער און פון וואָס מיר דאַרפען אפילו אַ האָר ניט אָפּטרעטען, ניט אַכטענדיג אויף די היסטערישע געפּילדערם פון ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען, סיימיסטען און ווי זיי רופען זיך דאָרטען — די צאָהל פון אַזעלכע פאַר=

טײַעֶן װאַקסט יעֶצט אִין רוסלאַנד בּרוך השם װִי שװעֶמלעֶך נאָך אַ רעֶגעֶן — דאָס אִיז, אַז אִידעֶן טאָרעֶן זִיך נִיט אָפּזונדעֶרן פון דִי פעֶלקעֶר, צװִישעֶן װעֶלכעֶ עֶס קומט זײ אױס צו לעֶבּעֶן, און אַז זײ דאַרפעֶן און מוזעֶן זִיך װאָס עֶנגעֶר פֿעֶרבִּינדעֶן מִיט דִיזעֶ פעֶלקעֶר, אײַנפאַך אַלס בִּירגעֶר, אִין נאָמעֶן פון זײעֶרעֶ געֶמײנשאַפטלִיכעֶ עֶקאָנאָמִישעֶ און פּאָלִיטִישעֶ אִינטעֶרעֶסעֶן.

געֶװִיס, װעֶט דאָ יעֶדעֶרעֶר זאָגעֶן, װאָס פֿאַר אַ נײַעֶס עֶנטפּלעֶקט אִיהר דאָ אונז? װעֶר לײקעֶנט עֶס דעֶן, אַז אִידעֶן דאַרפעֶן זײַן בִּירגעֶר און נאָך דעֶרצו פאָלשטעֶנדִיג גלײַכבּעֶרעֶכטִיגטעֶ בִּירגעֶר אִין יעֶדעֶן לאַנד, װאו זײ לעֶבּעֶן? מִיר װעֶלעֶן עֶנטפעֶרן, אַז מִיר מײנעֶן גאָר נִיט עֶפּעֶס נײַעֶס צו זאָגעֶן. מִיר װִילעֶן נִיט עֶנטדעֶקעֶן נײַעֶ אַמעֶרִיקעֶס, נײַעֶ „טהעֶאָרִיעֶס", אָבּעֶר אָפּטמאָל שאַדעֶט עֶס אִיבּעֶרהױפּט נִיט אִיבּעֶרצוחזר'ן אַלטעֶ װאַהרהײַטעֶן, און יעֶצט אִיז עֶס אײנפאַך נײטִיג, װײַל עֶס הערשט אַ געֶפעֶהרלִיכעֶ פּלאָנטעֶר אִין דִי מוחות פון אִידִישעֶ קלײנבִּירגעֶר און אַרבּײטעֶר װעֶגעֶן דִי געֶװעֶהנלִיכסטעֶ פראַגעֶן; מעֶן רײסט זִיך אַרום װעֶגעֶן קלײנִיגקײטעֶן, װעֶגעֶן פראַזעֶן, װעֶגעֶן פאַנטאַזִיעֶס און חלומ'ת, עֶפּעֶס אַזױ װִי דִי גאַנצעֶ „אִידִישקײט" װאָלט דעֶרפון אָבּהעֶנגִיג געֶװעֶן; מעֶן קעֶן זאָגעֶן עֶס אִיז אַ דור הפלגה אִפִּילו אִין אַזעֶלכעֶ אִידִישעֶ רײהעֶן, װעֶלכעֶ האַלטעֶן זִיך אַלעֶ אָן דִי פּאָלעֶס פון רבּינו קאַרל מאַרקס. אונזעֶרעֶ גמרא־קעֶפּלעֶך זוכעֶן האָאָר־שפּאַלטעֶנדעֶ פּלפּולים אִפִּילו אִין דִי קלאָרסטעֶ טהײלעֶן פון זײַן לעֶהרעֶ.

אַלזאָ, אִיך װִידעֶרהאָל אַזאַ אַלטעֶ װאַהרהײט, װִי דִיזעֶ, אַז אִידעֶן מוזעֶן שטרעֶבּעֶן צו זײַן פאָלשטעֶנדִיגעֶ בִּירגעֶר פון יעֶדעֶן לאַנד, װאו עֶס קומט זײ אױס צו פעֶרבּרײנגעֶן זײעֶר לעֶבּעֶן. און אִיך װִידעֶרהאָל עֶס, װײַל דעֶרבּײ קעֶן מעֶן זִיך נִיט בּעֶנוגעֶנעֶן בּלױז מִיט װעֶרטעֶר, זאָנדעֶרן מעֶן דאַרף אױך עֶפּעֶס טאָן, זעֶהעֶן צו עֶרפִילעֶן אַלעֶ פפלִיכטעֶן פון בִּירגעֶר. עֶס אִיז װִיעֶדעֶר דאָ אַן אַלטעֶר כלל, װעֶלכעֶר לױטעֶט: קײנעֶ רעֶכטעֶ אָהן פפלִיכטעֶן, קײנעֶ פפלִיכטעֶן אָהן רעֶכטעֶ. װִי קעֶן אָבּעֶר אײנעֶר עֶרפִילעֶן רִיכטִיג און עֶהרלִיך זײנעֶ בִּירגעֶר־פפלִיכטעֶן, װעֶן עֶר שטרעֶבּט גאָר אַרִיבּעֶרצופּעֶקלעֶן זִיך אִין אַנ'אַנדעֶר לאַנד, װעֶן עֶר האַלט זִיך עֶפּעֶס װִי אַ פרעֶמדעֶר, װִי אַ גאַסט אִין דעֶם לאַנד, װאו עֶר װאָהנט? זִיצעֶן און קלאָגעֶן אױפ'ן גלות, זִיצעֶן און טרױמעֶן װעֶגעֶן אַ „יו־עֶנ־

שטאַאט", זינגען „לשנה הבאה בירושלים" — דאָס זונדערט יעֶדעֶנ־פאַלס אָב פון דעֶם פאָלק אין דעֶם גלות־לאַנד, דאָס רופט אַרויס אַ געֶפיהל פון פרעֶמדקייט אויף ביידע זייטעֶן. דער ציוניסט, וואָס האַלט שטעֶנדיג אָנגעֶגרייט איין פוס, אום אַרויסצושפּרינגעֶן פון אַ גלות־לאַנד אין פאַלעֶסטינעֶ, קעֶן זיך ניט בעֶקלאָגעֶן, וואָס אין דיזעֶן גלות־לאַנד קוקט מעֶן אויף איהם ווי אויף אַ פרעֶמדעֶן, ווען ער אַליין בעֶטראַכטעֶט זיך דאָרטעֶן אַלס אַ פרעֶמדער.

איך האָב פריהער געֶזאָגט: „וואו די אידעֶן קומט אוים צו פערברייננגעֶן זייער לעֶבעֶן". דערמיט האָב איך געֶמיינט, אַז ווען די אידעֶן קומט אוים צו וואַנדעֶרן אין אַן אַנדער לאַנד, וואו זיי זוילעֶן ווערן בירגער, מוזעֶן זיי זיך דאָרט פון דאָס נייעֶ אַסימילירעֶן. אַנדערם קעֶן עֶס גאָר ניט זיין. לאָמיר זאָגעֶן, אַז איהר עֶמיגרירט נאָך די פעֶראייניגטעֶ שטאַאטעֶן, אַרגעֶנטינעֶ, אויסטראַליעֶן אָדער זיד־אַפריקאָ. ווערט איהר דען דאָרטעֶן קעֶנעֶן אָפּלעֶבעֶן אַייעֶרעֶ יאָהרעֶן, ניט צופּאַסעֶנדיג זיך צו די סאָציאַל־פּאָליטישעֶ אומשטעֶנ־דעֶן פון דיזעֶ לעֶנדער, ניט אויסלערנעֶנדיג פיעֶל וויניג די דאָר־טעֶן הערשעֶנדעֶ שפּראַך, ניט אָפּזאָגעֶנדיג זיך פון געֶוויסעֶ פריהערעֶ פירונגעֶן און געֶוואָהנהייטעֶן און ניט אָננעֶהמעֶנדיג געֶוויסעֶ נייעֶ פירונגעֶן און געֶוואָהנהייטעֶן?

עֶס איז גאָר איבעֶריג צו שטעֶלעֶן אַזעֶלכעֶ פראַגעֶן, עֶס קעֶן קיין אַנדער אַנטוואָרט ניט געֶבעֶן ווי יאָ. ווער עֶס וויל נאָר מאַכעֶן אַ רייזעֶ, צום ביישפּיעל, נאָך אַמעֶריקאַ, קעֶן זיך לייכט איבעֶרצייגעֶן אין דעֶם פאַקטיש, און עֶס וואָלט, חלעֶבעֶן, גאָר ניט געֶשאַט אונזערעֶ נאַציאָנאַליסטישעֶ טהעאָרעֶטיקער זיך אַביסעֶל נעֶהעֶנ־טער צוקוקעֶן צו דער דאָרטיגער גאָר ניט נאַציאָנאַליסטישער פּראַקטיקעֶ.

* * *

לאָמיר טאַקעֶ יעֶצט דערלאַנגעֶן אַ נעֶהעֶנטערן בליק אויף דיא נייעֶ וועלט. דיא מאַסעֶן־עֶמיגראַציאָן פון אידעֶן נאָך דיא פעֶראיי־ניגטעֶ שטאַאטעֶן האָט זיך אָנגעֶפאַנגעֶן סך הכל מיט 25 יאָהר צוריק, נאָך דיא פּאָגראָמעֶן אין דיא אַכציגעֶר יאָהרעֶן פון לעֶצטעֶן יאָהר־הונדערט, און וואָס זעֶהעֶן מיר? מיר זעֶהעֶן, אַז דער נייער דור איז דאָרט פאָלשטעֶנדיג אַסימילירט. מיר זעֶהעֶן איבערהויפּט, אַז דיא אַסימילאַציאָן געֶהט דאָרט מיט אַ שנעֶלקייט, פון וועֶלכעֶר דיא אַלטעֶ אייראָפּאַ ווייס ניט. דיא אידעֶן פון אַ גאַנץ יאָהר, דיא פּראָטעֶסטעֶ

און פּראָסטע אידען, „גרינען" זיך דאָרטען אויס אין עטליכע יאָהר. און ווען מיר פרעגען זיך, ווארום דאָס איז אַזוי, קענען מיר קיין אַנדער אַנטוואָרט ניט געפינען, וויא דיזע, אַז דער עמיגראַנט האָט דאָרטען דיא פולסטע פרייהייט צו פיהרען זיך וויא ער וויל, אַז עס עקזיסטירט דאָרטען קיין אויסערער צוואַנג צו אַסימי= לירען, צו אַמעריקאַניזירען. קיינער צווינגט ניט דעם אַיינגעוואַנ= דערטען איד צו לערנען דיא ענגלישע שפּראַך, צו קליידען זיך נאָך דעם אַמעריקאַנער שניט, צו אַרבייטען, צו האַנדלען און צו פיהרען זיך אויף דעם אַמעריקאַנער שטייגער; אָבער אַזוי קומט עס אויס אין דער ווירקליכקייט, אַזוי איז עס.

און דיא אידען זיינען קיין אויסנאַהמע. גראַדע דאָס זעלבע פּאַסירט מיט די אַיינוואַנדערער פון אַלע אַנדערע פעלקער — זיי ווערן אַלע מערקווירדיג שנעל אַמעריקאַניזירט. דיא אַמעריקאַנער רעפּובליק איז עפּעס וויא לאַבאָראַטאָריע, אין וועלכער אַלע נאַצי= אָנאַלע פערשידענהייטען ווערן איבערגעאַרבייט אין אַ נייעם שטאָף אין איבערגעשמאָלצען אין אַין נייעם פאָרם. אָט זעהט איהר, צום ביישפּיעל, אַ דייטש ערגעץ אין אַמעריקאַ. ער איז ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק געקומען, לאָמיר זאָגען, פון בערלין. איהר דערקענט איהם גלייך פאַר אַ דייטש, און ער איז עס אויך; ער לייענט דייטשע צייטונגען, טרינקט ביער גראַדע וויא אין בערלין; אָבער בעטראַכט איהם נעהענטער, קוקט אַריין אין זיין נשמה, וועט איהר זעהען, אַז ער איז דאָך ניט דער זעלבער, וויא ער איז געוועזען אין בערלין; אַז דאָס אַמעריקאַנער לעבען האָט שוין געווירקט אויף איהם און געלייגט אויף איהם זיין שטעמפּעל. און וואָס אָנבעלאַנגט צו זיינע קינדער, זאָ קענען זיי שוין מייסטענס אפילו ניט ריידען דייטש און ווילען אויך ניט ריידען דייטש.

ניו=יאָרק איז דיא גרעסטע דייטשע שטאָט נאָך בערלין, און דאָך עקזיסטירט דאָרט קיין שום דייטש=נאַציאָנאַלע בעוועגונג. דיא דייטשען בילדען אפילו דאָרט ניט אַ בעזונדערע פּאַרטיי. אין פּענ= סילוואַניאַ=שטאַאַט האָבען זיך אַמאָל בעזעצט אַזוי פיעל דייטשען, אַז עס האָט זיך געבילדעט דאָרט אַ בעזונדערער זשאַרגאָן — דער זאָ=גענאַנטער „פּענסילוואַניער דייטש", אַ געמישעכץ פון ענגליש מיט דייטש — און דאָך קיינעם פון זיי חלום'ט זיך אפילו ניט פון אירגענד וועלכע דייטש=נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. נור איין נאַציאָן, קען

מֶען זָאגֶען, אַסִימִילִירט זִיךְ נִיט אִין אַמֶערִיקַא, און דָאס זַיינֶען דִיא בִּינֶעזֶער...

וואָס אִיז שַייךְ דִיא אִידִישֶׁע אַרבַּייטֶער, הָאבֶּען זֵיי נָאךְ מֶעהר ווִיא אַלֶע אַנדֶערֶע קלַאסֶען אִידֶען אַן אִינטֶערֶעס זִיךְ צוּ אַסִימִילִירֶען וואָס שנֶעלֶער און עֶנגֶער מִיט דֶער אַרוּמִיגֶער בֶּעפֶעלקֶערוּנג. נָאר אִין אַ גֶעווִיסֶער צָאהל קלֵיינֶע און הִינטֶערשטֶעלִיגֶע פלֶעצֶער קֶענֶען זֵיי לֶעבֶּען בֶּעזוּנדֶער, אַרבַּייטֶען אָבּגֶעזוּנדֶערט פוּן דִיא קְרִיסטֶען — גֶעווֶעהנלִיךְ זַיינֶען עֶס שטֶעטלֶעךְ אִין לִיטֶע, פּוֹילֶען און גַאלִיצִיעֶן — זָאנסט קוּמט זֵיי אוֹיס אָדֶער צוּ אַרבַּייטֶען צוּזַאמֶען מִיט קְרִיסטֶען אִין פַאבּרִיקֶען און ווערקשטַאטֶען, אָדֶער ווֵיינִיגסטֶענס, צוּ קוּמֶען אִין נָאהֶענטֶע בֶּעצִיהוּנגֶען מִיט דִיא קְרִיסטלִיכֶע פַאךְ-אַרבַּייטֶער צוּלִיעבּ זֵייעֶרֶע אֵיינפַאכסטֶע עֶקאָנאָמִישֶׁע אִינטֶערֶעסֶען, צוּלִיעבּ דִיא פּראָפֶעסיאָנֶעלֶע פֶערֵאיינֶען, עֶנגלִישׁ גֶערֶעט, דִיא טרֵייד-יוּנִיאָנס. זָאגַאר אִין אַזֶעלכֶע מלָאכוֹת, וואָס זַיינֶען גֶעוואָרן סְפֶּעצִיעֶל אִידִישֶׁע אִין גֶעווִיסֶע עֶרטֶער, ווִיא שנַיידֶערַיי, מוּזֶען זִיךְ דִיא אִידִישֶׁע אַרבַּייטֶער פֶערבִּינדֶען מִיט זֵייעֶרֶע קְרִיסטלִיכֶע בְּרִידֶער, זָאנסט קֶענֶען זֵיי גַאנץ ווֵיינִיג פֶערבֶּעסֶערן זֵייעֶר לַאגֶע אפילו דוּרךְ אָפטֶע סטרַייקס. נָאר גֶעווֶעהנלִיךְ זַיינֶען זֵיי דָאךְ דִיא מִינדֶערהֵייט, אָפט אַ גַאנץ אוּנבֶּעדֵייטֶענטֶער טהֵייל אִין אַ פַאךְ — ווִיא אַזוֹי קֶענֶען זֵיי גָאר דֶענקֶען צוּ פֶערבֶּעסֶערן זֵייעֶר לַאגֶע, ווִיא אַזוֹי קֶענֶען זֵיי גָאר הָאפֶען צוּ קְרִיגֶען הֶעכֶערֶע לוֹינֶען און קִירצֶערֶע אַרבַּייטס שטוּנדֶען, ווֶען זֵיי זָאלֶען נִיט שטרֶעבֶּען צוּ גֶעהן הַאנד אִין הַאנד מִיט אַלֶע אַנדֶערֶע אַרבַּייטֶער, ווֶען זֵיי זָאלֶען נִיט אַרַיינטרֶעטֶען אַלס מִיטגלִידֶער אִין דִיא אַלגֶעמֵיינֶע פַאךְ-פֶערֵאיינֶען ?

הגם דָאס אִיז ווִיעֶדֶער אַן אוֹיגֶענשֵיינלִיכֶע ווַאהרהֵייט, אֵיינפַאךְ פוּן רֵיינֶעם פּראָפֶעסיאָנֶעלֶען שטַאנדפּוּנקט, שוֹין גָאר נִיט רֵיידֶענדִיג פוּן סאָציאַלִיזמוּס, פוּן דִי גרוּנד פאָדֶערוּנגֶען פוּן דֶער סאָציאַל-דֶעמאָקראַטיע, דָאךְ הַאלט אִיךְ עֶס פִיר נוֹיטִיג דָאס נָאךְ ווַייטֶער צוּ עֶרקלֶערן דוּרךְ אַ בַּיישפִּיעֶל. דָאס ווֶעט אוֹיךְ, חלֶעבֶען, נִיט שָאדֶען צוּ ווִיסֶען אוּנזֶערֶע גרוֹיסֶע טהֶעאָרֶעטִיקֶער פוּן דֶעם בֵּיי-גֶעבַּאקֶענֶעם פּראָלֶעטַארִישֶׁען אַה״בחרתנו׳נִיזמוּס...

אַלס בַּיישפִּיעֶל ווֶעל אִיךְ נָאךְ אַמָאל נֶעהמֶען דִי גרוֹיסֶע אַמֶערִיקַאנִישֶׁע רֶעפּוּבּלִיק, ווַייל דָארטֶען זֶעהט מֶען אַם קלָארסטֶען דֶעם נַאטִירלִיכֶען פּראָצֶעס פוּן אַסִימִילִירוּנג אוּנטֶער דִי פרַייעֶסטֶע בֶּעדִינגוּנגֶען.

דיזע „גאָלדענע לאַנד" איז אין אמת'ן אַ לאַנד, וואו מען מוז זעהר שווער האָרעווען, אום צו מאַכען אַ חיונה. ווען דער אידישער עמיגראַנט קומט אַהין זוכען „גליק" — וואָס זאָל ער טאָן, צו וואָס זאָל ער זיך נעהמען? זאָל ער זיך אַלאָז טאָן אין אַ גרויסע פאַבריק, אום צו ווערן אַ „העכערער פראָלעטאַריער" נאָך די משונה'דיגע טהעאָריעס פון די אַלערליי פועלי ציוניסטען? אָבער, ווען ער זאָל שוין אפילו וועלען צוליעב טאָן דיזע קאַרל מאַרקס'ען פון דער אידישער גאַס, וועט ער געוועהנליך מוזען אַוועקפאָהרען ערגעץ אין אַ דאָרף אָדער אין אַ קליין־שטעדטעל, ווייל די גרעסטע פאַבריקען געפינען זיך מייסטענס ניט אין די גרויסע שטעט, און ווייטער וועט ער זיך מוזען בעגנוגענען מיט אַ גאַנץ קליינעם לוין, ווען ער זאָל שוין איבערהויפט טויגען דאָרטען צו דער אַרבייט, ווייל אויף אַזעלכע גרויסע פאַבריקען ווערן געוועהנליך פערשקלאַפט פרויען און קינדער.

אונזער עמיגראַנט האָט אָבער אַ אידישע קעפּעל אויף זיך, און דיזע קעפּעל זאָגט איהם באַלד, אַז ער דאַרף זיך נעהמען צו אַזעלכע בעשעפטיגונגען, צו וועלכע ער טויג זיך בעסער, צו וועלכע ער איז מעהר געוועהנט, מעהר צו געפּאַסט, אָדער יעדענפאַלס צו אַזעלכע, ביי וועלכע ער קען גיכער און לייכטער פערדינען אַ דאָלאַר.

און צו וועלכע בעשעפטיגונגען איז דער איד מעהר צוגעפּאַסט, צו וואָס קען ער זיך גיכער און לייכטער נעהמען? עס פערשטעהט זיך צו וואָס — צו האַנדעל און אינדוסטריע אָדער, אין אַלגעמיינען, צו שטאָטישע בעשעפטיגונגען. ער איז אַ שטאָט־מענש, און דאָרטען איז דער קרייז פון זיין טהעטיגקייט, דאָרטען געפינט ער זיין ריכטיגען אָרט.

די אידישע עמיגראַנטען האָבען זיך טאַקע דאַרום בעזעצט אין די גרעסערע שטעט, ספּעציעל אין ניו־יאָרק און אומגעגענד, וואו זיי געפינען, נאָך אַלעמען, לייכטער אַ בעשעפטיגונג. צווישען די אידען אין אַמעריקאַ קען מען אָפט הערען אַ מיינונג, אַז דער וואָס קען זיך ניט דערשלאָגען צו עפּעס אין ניו־יאָרק, וועט שוין אַנדערסוואו אין אַמעריקאַ געוויס קיין ערפאָלג ניט האָבען. דעריבער געפינט זיך טאַקע אַ דריטעל פון דער אידיש־אַמעריקאַנער בעפעלקערונג אין ניו־יאָרק מיט די נעהענטערע שטעדט אַרום. די אידישע פילאַנטראָפען פון אַמעריקאַ האָבען איינגעריכטעט אין

ניוּיאָרק אַ בּיוּראָ, אוּם פֿאַנאַנדערצווּשׁיקען די נייעֶ עֶמיגראַנטען אִין די װעֶסטליכעֶ אוּן זידליכעֶ שטאַאַטען, בּעֶזאָנדערס אִין קלײַנעֶ שטעֶט; אָבּעֶר די רעֶזוּלטאַטען זיינעֶן זעֶהר קלעֶגליכעֶ.

נוּן, די בּעֶשעֶפֿטיגוּנגעֶן אִין אַ שטאָדט זײַנעֶן מײַסטעֶנס קלײַן בּירגערליכעֶ אוּן קלײַן־אִינדוּסטריעֶלעֶ. ספּיעֶציעֶל אִיז עֶס אַזוֹי אִין פּאָרטאָװעֶ שטעֶדט, אִין גרוֹיסעֶ האַנדעֶל־צעֶנטעֶרס.

בּיי אַזעֶלכעֶ בּעֶשעֶפֿטיגוּנגעֶן פֿערדיעֶנט מען געֶװיס ניט װײַניגעֶר, װי אַפּילוּ אִין די בּעֶסטעֶ גרעֶסטעֶ פֿאַבּריקעֶן, אוּן דערצוּ נאָך האָט מען אָפּט אַ געֶלעֶגעֶנהייט אַרױפֿצוּקלעֶטעֶרן העֶכעֶר אױף דעֶם קאַפּיטאַליסטישעֶן לײַטעֶר. דאָס אִיז צלץ צוּגעֶמאָסטען צוּ די אַלטעֶ געֶװאָהנהײַטעֶן, צוּ דעֶם גוּף אוּן צוּ דעֶר נשמה פֿוּן אִידעֶן; אוּן מיר געֶפֿינעֶן דאַרוּם, דאָס אַ סך פֿוּן זײ, װעֶלכעֶ האָבּעֶן אָנגעֶפֿאַנגעֶן זײַעֶר קאַריעֶרעֶ אִין דעֶר נײַעֶר װעֶלט אַלס הױזירעֶרס אָדעֶר, װי מען רופֿט עֶס דאָרטעֶן, „פּעֶדלעֶרס", זײַנעֶן געֶװאָרעֶן גרוֹיסעֶ העֶנדלעֶר, אוּן אַז אַ גאָר ניט קלײנעֶר טהײל פֿוּן די, װעֶלכעֶ האָבּעֶן זיך, בּאַלד נאָך זײַעֶר אָנקוּמעֶן, געֶנוּמעֶן צוּ אַ מלאכה, זײַנעֶן געֶװאָרעֶן פֿאַבּריקאַנטעֶן. דאָס מעֶג פֿוּן עֶרשטעֶן בּליק ניט שטימעֶן מיט דעֶר מאַרקסיסטישעֶר לעֶהרעֶ װעֶגעֶן קלײן־פּראָדוּקציאָן אוּן גרוֹיס פּראָדוּקציאָן (אִין דעֶר אמת׳ן עֶרקלעֶרט זיך עֶס דוּרך גאַנץ בּעֶשטימטעֶ מאַטעֶריאַליסטישעֶ בּעֶדינגוּנגעֶן אִין דיזעֶן לאַנד),— אָבּעֶר דאָס אִיז אַ פֿאַקט, װאָס יעֶדעֶר־עֶר, װעֶלכעֶר האָט געֶלעֶבּט עֶטליכעֶ יאָהר אִין אַמעֶריקאַ, װײס עֶס גאַנץ גוּט פֿוּן עֶרפֿאַהרוּנג. װי װײַט די רוּסיש־פּױלישעֶ אִידעֶן האָבּעֶן זיך אִין אַ גאַנץ קוּרצעֶר צײַט, װי מען זאָגט אִין אַמעֶריקאַ, „אַרױפֿגעֶאַרבּײַט", דאָס הײסט: אַרײַן אִין קאַפּיטאַליסטישעֶן קלאַס — דאָס װאַרפֿט זיך בּעֶזאָנדעֶרס אִין די אױגעֶן, װעֶן מען געֶהט דוּרך די גרעֶסטעֶ געֶשעֶפֿט־גאַסעֶן פֿוּן ניוּיאָרק.

נאַטירליך, די שאַנסעֶן פֿוּן אַ פּעֶדלעֶר אָדעֶר פֿוּן אַן אַרבּײַטעֶר זיך אַזוֹי „אַרױפֿצוּאַרבּײַטעֶן" װעֶרן אַלץ קלעֶנעֶר אױך אִין אַמעֶריקאַ; אָבּעֶר די מײנסטעֶ „גרינעֶ" טרײסטעֶן זיך מיט אַזעֶלכעֶ „געֶלעֶ" האָפֿעֶנוּנגעֶן, אוּן דאָס טרײַבּט זײ צוּ האַלטעֶן זיך מיט אַלעֶ קרעֶפֿטעֶן אָן די שטאָדטישעֶ בּעֶשעֶפֿטיגוּנגעֶן, אוּן דאָס האַלט זײ אָפּ יעֶדעֶנפֿאַלס פֿוּן געֶהן אִין אַ גרוֹיסעֶ פֿאַבּריק, װאוּ אַ אִיד פֿעֶרטראָגט ניט די דיסציפּלין אוּן פֿיהלט זיך גאָר ניט הײמליך.

אָט דאָס איז דער אמת, אָט אַזוי האַלט עס מיט די אידען אין אַמעריקאַ אין אַלגעמיינען. אָבער טראָץ דעם, וואָס יעדער אידישער עמיגראַנט קען זיך אַלץ ניט אָפּזאָגען פון דעם בטחון צו ווערן אַ בורזשוא, אַ קאַפּיטאַליסט, און שטרעבט אויך מעהר אָדער ווייניגער צו דיזער שטופע, האָבען די אידישע אַרבייטער אין דער נייער וועלט באַלד איבערגענומען דעם שטייגער פון די אַמעריקאַ-נער אַרבייטער און האָבען זיך אָרגאַניזירט אין פאַך-פעראיינען, אין טריידיוניאָנס, און אָנגעפאַנגען צו פיהרען סטרייקס.

נאָך מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק איז ענטשטאַנען אַ פער-באַנד פון די עטליכע אידישע טרייד-יוניאָנס, וועלכע האָבען דאַ-מאָלס קוים עקזיסטירט. „דער שניידער פון צו הויז" — אַ יחסן אין אַמעריקאַ, וואו דער אַרבייטער קען געוועהנליך נאָר אַ טהייל פון דער שניידערייז-מלאכה צוליעב די גרויסע פערטהיילונג פון דער אַרבייט אויך אין דיזען פאַך — ער האָט נאַטירליך צו הויז ערגענץ אין דער ליטע, אין פוילען וכדומה געוואוסט פון אַ טרייד-יוניאָן אָדער פון אַ סטרייק טאַקע ניט מעהר ווי אַ האָהן אין בני-אדם; אָבער אין אַמעריקאַ האָט זיין אידיש קעפּעל גלייך פערשטאַנען, וואָס פאַר גוטע זאַך אַ „יוניע" איז פאַר אַן אַרבייטער. ער האָט זיך דאָרטען באַלד אויסגעמענשעלט און איז אויך אַרוים סטרייקען, ווען נאָר מען האָט עם בעדאַרפט גראַדע ווי אַ געבאָרענער „יענקי" (אַמעריקאַנער).

דער פערבאַנד וואָס איז דאַן אָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דעם נאָמען „די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען" האָט די גאַנצע צייט עקזיסטירט, האָט אָנגעפיהרט מאַסען סטרייקס, פון וועלכע איינינגע האָבען געקלונגען איבער גאַנץ אַמעריקאַ, און יעצט צעהלט ער איבער 40 יוניאָנס. דאָ איז נאַטירליך ניט דער אָרט צו דערצעהלען די געשיכטע פון „די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פון ניו-יאָרק", פון די סטרייקס, וואָס די אידישע אַרבייטער האָבען אָנגעפיהרט, פון דעם, ווי ווייט זיי האָבען ווירקליך פערבעסערט די לאַגע פון די דאָרטיגע אידישע אַרבייטער און אָבגעשאַפט די סועטינג-סיסטעם (שוויץ-סיסטעם), ווי ווייט זיי האָבען אויך געשטיצט די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין גאַנץ אַמעריקאַ. פאַר אונז איז הויפּטזעכליך וויכטיג צו וויסען, ווי אַזוי די אידישע יוניאָנס האָבען זיך געהאַלטען צו זייערע קריסטליכע

ברידער, צו זייער צענטראל-פערבאנד, צו דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי און אויך צו דער אידישער פראגע.

אויפ'ן ערשטען פלאן איז נאטירליך געשטאנען דער עקאנאמישער אינטערעס, דער עקאנאמישער קאמפף, וועלכער האט ארויסגערופען די פראפעסיאנעלע בעוועגונג. אין אזא פרייע מדינה, ווי די פעראייניגטע שטאאטען, איז נאטירליך די בעוועגונג געגאנגען פריי אויף איהר נאטירליכען וועג. די אידישע ארבייטער האבען זיך ארגאניזירט, ווי זיי האבען עס פערשטאנען, פאלגענדיג דעם ביישפיעל פון די אמעריקאנער.

זיי האבען געהאט פאלשטענדיגע אטאנאמיע. אין אזא פעדעראטיווע לאנד האט עס גאר אנדערס ניט געקענט זיין. נאר אין צענטראליסטישע לענדער קומט אויס צו פיהרען א קאמפף וועגען אטאנאמיע אפילו אין די סאציאליסטישע רייהען... די קריסטליכע יוניאנס זיינען, זעלבסטפערשטענדליך, זעהר צופריעדען געווען, וואס אויך די אידען ארגאניזירען זיך, און האבען זיך ניט געמישט און קיינע דעות ניט געזאגט. קיינער האט ניט געצוואונגען א אידישע יוניאן צוצוטרעטען צו א קריסטליכען אדער אלגעמיינען פערבאנד.

די אידישע ארבייטער האבען איבערהויפט ניט געהאט קיינע נאציאנאליסטישע שטרעבונגען. אזעלכע שטרעבונגען זיינען אויסער פלאץ אין אמעריקא, ווי דאס איז שוין אויבען ערקלערט געוועזען, בפרט נאך צווישען פראלעטאריער. זא, צום ביישפיעל, די אידישע שריפטזעצער יוניאן איז אנפאנגס געוועזען זעלבסטשטענדיג, געהערענדיג נאר צו „די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען", נאכהער האט זי אבער געפונען פאר נויטיג צו ווערן א טהייל א פיליאלע פון דער אינטערנאציאנאלער שריפטזעצער יוניאן, צו וועלכע זי געהערט יעצט אויך. פון דער אנדער זייט האט ד, אידישע מענערשניידער יוניאן ארגאניזירט די איטאליענישע און ליטווישע שניידערס, און זיי זיינען יעצט פערבונדען אין איין יוניאן, וועלכע איז ווידער א טהייל פון דעם אלגעמיינען פערבאנד פון קליידער ארבייטער, וואס טראגט דעם נאמען „יונייטעד גארמענט ווארקערס אוו אמעריקא" (די פעראייניגטע בגדים-ארבייטער פון אמעריקא). דא קען עס שיינען זעהר זאנדערבאר, אז אידען זאלען רופען ליטווינען צו א מיטינג אדער ארויסרופען צו א סטרייק,

אָדער זאָלען לאָזען דרוקען איטאַליענישע אויפרופען צו די איטאַליענישע אַרבייטער אַז זיי צוצוטרעטען צו דער יוניאָן, אָבער אין אַמעריקאַ איז עס אַ נאַטירליכע ערשיינונג.

ווייטער, די בעציהונג פון אַ אידישע יוניאָן צו די „פעראיינינגטע אידישע געווערקשאַפטען" אָדער צו אַן אַנדער צענטראַל־פערבאַנד, ווי אויך די בעציהונגען פון די „פעראיינינגטע אידישע געווערקשאַפטען" צו דעם אַלגעמיינען צענטראַל־פערבאַנד פון ניו־יאָרקער יוניאָנס, זיינען פאָלשטענדיג אָטאָנאָמיש. קיינע בעפעהלען פון אויבען, קיינע „סוזען" פון אונטען. „די פעראיינינגטע אידישע געווערקשאַפטען" האָבען נאַטירליך געשטרעבט צו אָרגאַניזירען וואָס מעהר אידישע יוניאָנס, אום בעסער צו בעשיצען די אינטערעסען פון אידישען פראָלעטאַריאַט; אָבער זיי האָבען קיין מאָל ניט געזוכט צו בעהערשען יוניאָנס אין אַנדערע שטעט, צו צענטראַליזירען אַזוי ווייט די אידישע אַרבייטער בעוועגונג, אַז פון ניו־יאָרק זאָל מען אַרויסלאָזען „דירעקטיווען" אָדער פערוואַלטען אַ יוניאָן אין באָסטאָן, פילאַדעלפיאַ (ווארטען האָט עקזיסטירט אַ בעזונדערע „פעראיינינגטע אידישע געווערקשאַפטען"), שיקאַגאָ א. ז. וו.

אַזעלכע רייסערייען, ווי עס קומט פאָר אין רוסלאַנד וועגען דעם רשות, וועגען דער „ממשלה" פון אַ צענטראַל־קאָמיטעט פון אידישע אַרבייטער: צו דער „בונד", לאָמיר זאָגען, וועלכער האָט איבערהויפט צענטראַליסטישע פרעטענזיעס, זאָל האָבען די „אויבער האַנד" איבער די אידישע אַרבייטער אין זיד־רוסלאַנד, באַלטישע פראָווינצען, פוילען און ווער ווייסט נאָך וואו, אפשר אויך אין אַמעריקאַ און אויסטראַליען, אַלס כלומרשט דער „איינציגער" פאָרשטעהער פון אידישען פראָלעטאַריאַט — אַזעלכע ככסוכים האָבען קיין פלאַץ אין אַמעריקאַ און דאַרפען אין ערגעץ קיין פלאַץ ניט האָבען.

וויכטיג איז נאָר, אַז דער אידישער אַרבייטער זאָל ערשטענס געהערען צו דעם אָרטיגען פראָפעסיאָנעלען פערבאַנד, צו דער טרייד־יוניאָן דאָרט, וואו ער אַרבייט, עס מאַכט גאָר ניט אויס וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט עס האָט דאָרט די מעהרהייט, דען ניט מיט נאַציאָנאַלע פראַגען בעשעפטיגט זיך אַ טרייד־יוניאָן, און צווייטענס, אַז ער, דער אידישער אַרבייטער, זאָל זיין אַ סאָציאַלדעמאָקראַט. אויב עס איז בעסער און בעקוועמער צוליעב

אָרגענד װעלכע גרינדליכע אורזאַכען — מײַסטענס, נאַטירליך, צילעב דער שפּראַך — אַז אידישע אַרבײַטער זאָלען האָבען אַ בעזונדערן פּראָפעסיאָנעלען פערײַין, זאָלען זײַ עס טאָן געזונטער־הײַט; אָבער װאו נאָר עס געפינען זיך אויך קריסטליכע אַרבײַטער אין דעם זעלבען פאַך, מוזען די אידישע אַרבײַטער זיך פערבינדען מיט זײַ, אום בעסער צו פיהרען דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף.

אַזוי פיהרט זיך עס אין אַמעריקאַ און אַזוי דאַרף זיך עס פיהרען אין אַלע לענדער, אפילו ליטע ניט אויסגענומען... מען דאַרף נאָר אַביסעל אַראָברײַסען פון זיך דעם רוסישען צענטראַליזמוס, װעט מען דאָרט אויך פערשפּאָרען צו פערגעסען אַזוי פיעל... טינט װעגען די ממשלות פון צענטראַל־קאָמיטעטען און מען װעט גאַנץ פײַן דורכקומען אויף אַ פעדעראַליסטישען װעג. מיט איין װאָרט, מען דאַרף זיך דאָרט דעצענטראַליזירען.

נאָר װעגען דעם אַן אַנדערס מאָל. דערװײַלע האַלטען מיר נאָך בײַ די אידישע אַרבײַטער אָרגאַניזאַציאָנען אין אַמעריקאַ.

דיזע אָרגאַניזאַציאָנען זײַנען ניט בלויז עקאָנאָמישע, זאָנדערן אויך פּאָליטישע. װעגען „די פעראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען" קען מען זאָגען, אַז זינט זײַ זײַנען געגרינדעט געװאָרען, זײַנען זײַ געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון פּראָלעטאַרישען קלאַסענ־קאַמפּף. די יוניאָנס זײַנען געװען און בלײַבען אונפּאַרטײַאישע, װי אַ פּראָפעסיאָנעלער פערײַין דאַרף אײגענטליך זײַן; אָבער זײַער צענטראַל פערבאַנד — די פעראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען — איז געװען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער. אימער איז ער געשטאַנען אויף דער זײַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײַ, אפילו װען זי האָט געפיהרט אַ געװיסע צײַט אַ דירעקטען קאַמפּף געגען אַזעלכע יוניאָנס, װעלכע ענטזאַגען זיך פון אונאַבהענגיגען פּאָליטישען קאַמפּף, װעלכע שטעהען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון רײַנעם טרײד־יוניאָניזמוס. אגב אורחא, דאָס איז געװען אַ פאַלשער און זעהר אונטאַקטישער שריט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײַ, אַ שריט װאָס האָט שליסליך, װי בעװאוסט, געפיהרט צו אַ שפּאַלטונג און צו דער גרינדונג פון אַ נײַער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײַ, װעלכע האַלט זיך נײטראַל צו די טרײד־יוניאָנס. צו דיזער פּאַרטײַ געהערען יעצט „די פעראײניגטע אידישע געװערקשאַפטען".

אויף דעם פּאָליטישען וועג איז ווידער קיין פראגע ניט געוועזען וועגען אַטאָנאָמיע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט ניט געשטרעבט צו בעהערשען די נאַציאָנאַליטעטען — דאָס איז איינפאַך אַן אוגין אין אַמעריקא — זי האָט זיך ניט געמישט אָן די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון די סעקציאָנען, ווי באַלד נאָר מען האָט זיך דאָרבען ריכטיג און עהרליך געהאַלטען אָן דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. די סעקציאָנען האָבען זיך אָרגאַניזירט ניט נאָך די נאַציאָנאַליטעטען, זאָנדערן נאָך די שפּראַכען, ווי עס האָט זיך געפיהרט אין אַלטען אינטערנאַציאָנאַל צוליעב דעם זעלבען גרונד, נעמליך: אום בעסער צו פיהרען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציאָן. די פערטהיילונגען אין שפּראַכען איז נאָר געוועזען אַנערקענט און קען נאָר אַנערקענט ווערען אלס אַן אַגיטאַציאָנסמיטעל, די איינינקייט און איינהייטליכקייט מוזען פערבלייבען אין דער אַלגעמיינער פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

נאַכהער איז די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָרגאַניזירט געוואָרן אַנדערס, נעמליך אין וואַהל־דיסטריקטען, וואו די מיטגליעדער אַרבייטען צוזאַמען, צו וועלכער נאַציאָן זיי זאָלען ניט געהערען. דאָס איז איינגעפיהרט געוואָרן ניט חו"ש, אום מיט געוואַלד צו אַמעריקאַניזירען די אידישע, דייטשע, פּוילישע, איטאַליענישע א. ז. וו. מיטגליעדער פון דער פּאַרטיי, זאָנדערן אום לייכטער צו פיהרען די וואַהל־אַגיטאַציאָן. אָבער, נאַטירליך, די דייטשען קענען האַלטען רעדעס אין דייטש אויף פערזאַמלונגען און אַרויסגעבען אַלערליי שריפטען און צייטונגען אין דייטש, ווי פיעל זייער האַרץ געלוסט, און די אידען, איטאַליענער, שוועדען, א. ז. וו. קענען דאָס זעלבע טאָן אין זייערע שפּראַכען. און אַזוי טהוט מען עס אויך.

די פאָרטגעשריטענע אידישע אַרבייטער פון זייער זייט האָבען זיך קיין מאָל ניט געשטעלט אירגענד וועלכע אידיש־נאַציאָנאַלע אויפגאַבען. עס האָט זיך זיי אפילו ניט געחלומט וועגען אידיש־נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען, מיט וועלכע מען פערדרייהט דאָ לייד ער אַמוח די אידישע אַרבייטער. זיי האָבען געפיהרט אַ ריינעם קלאַסען קאַמפף, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, ווי אמת'ע סאָציאַל־דעמאָקראַטען דאַרפען עס טאָן. אמת, זיי האָבען געשאַפען אידישע יוניאָנס, אידישע פעראיינען, אַ אידישע פּרעסע; אָבער אַליין נור, אום

אויפצוקלערען די אידישע מאַסע, אום צו פּראָפּאַגאַנדירען דער סאָציאַליזמוס, גאָר ניט קימערנדיג זיך וועגען אַסימילאַציאָן אָדער נאַציאָנאַליזאַציאָן. זיי האָבען זיך בעטראַכט ניט אַלס אידישע, זאָנדערן אַלס אידיש־שפּרעכענדע סאָציאַליסטען.

דערצו נאָך האָבען דיא אידישע סאָציאַליסטען אַ ספּעציעלע אויפגאַבע אין אַמעריקא צוזאַמען מיט דיא דייטשע סאָציאַליסטען, און דאָס איז צו פערשפּרייטען דעם סאָציאַליזמוס צווישען דיא ענגליש־שפּרעכענדע אַרבייטער, צווישען דיא געבאָרענע אַמעריקאַנער, און צו העלפען אָרגאַניזירען אַן עכטע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דיא דייטשען האָבען דיא ערשטע אויפגעהויבען דיא רויטע פאָהן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַמעריקאַ, זיי זיינען געוועזען דיא פּיאָנערען פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, אָבער דיא אידען האָבען זיי זעהר פיעל מיטגעהאָלפען אין דעם. מען מעג זאָגען, אַז דיא דייטשען צוזאַמען מיט דיא אידען האָבען איינגעפלאַנצט אַן עכטע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

אין דיא לעצטע פּאָאָר יאָהר זיינען אויך אויפגעקומען פּועלי־ציוניסטישע און בונדיסטישע פעראיינען אין אַמעריקאַ; אָבער זייערע מיטגליעדער בעשטעהען מייסטענס פון ניי־אָנגעקומענע עמיגראַנטען, וועלכע האָבען מיטגעבראַכט זייער „אתה־בחרתנו׳ניזמוס" פּאַרטייגערהייט פון צו הויזע און וועלכע שטעהען יעדענפאַלס אויסערהאַלב דיא אַמעריקאַנער בעוועגונג. אַלע צוזאַמען שפּיעלען זיי קיין שום ראָלע ניט אין דיא יוניאָנס און אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דיא בונדיסטישע „אָרגאַניזאַציעס" אין אַמעריקאַ זיינען אייגענטליך ניט מעהר וויא הילפס־פעראיינען צו זאַמלען געלט פיר דיא בעוועגונג אין רוסלאַנד. דיא פּ. פּ. ס. און דיא רוסישע רעוואָלוציאָנערען האָבען אויך דאָרט זייערע הילפס־פעראיינען. וואָס אָנבעלאַנגט צו „דיא פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען", זאָ בלייבען זיי וויא פריהער אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען, אַלס פון איין זייט אַ פּראָפעסיאָנעלע און פון דער אַנדער זייט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן פון אידישען פּראָלעטאַריאַט אין ניו־יאָרק, און האָבען גאָר ניט צו טאָן מיט אירגענד וועלכע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען.

* *
*

יעצט לאָמיר זיך אומקעהרען אַ היים. אויפ'ן וועג לאָמיר אָבער נִיט פערגעסען אָן דעם ביישפיעל פון אַמעריקאַ. היינט צו טאָג געפינען מיר זיך אין גאַליציען. אין דיזען לאַנד האָבען אייערע אורעלטערן געלעבט נאָך פאַר קאַזימיר דעם גרויסען'ס צייטען, און אין דיזען לאַנד וועלען אייערע קינדער און קינד'ס קינדער לעבען. אַ טהייל וועט אויסוואַנדערן, אָבער דיא מאַסע וועט בלייבען. וויא זאָל מען זיך דאָ האַלטען? וואָס זאָל מען דאָ טאָן, וויא זאָל מען דאָ קעמפען אַלס אַרבייטער, אַלס פּראָלעטאַריער?

נאַטירליך, דיא אומשטענדען און בעדינגונגען אין פוילען זיינען אַנדערע וויא אין אַמעריקאַ; אָבער זיי זענען אויף קיין פאַל נִיט אַזעלכע, אַז דיא אידישע אַרבייטער זאָלען דאָ קענען מאַכען שבת פאַר זיך, זאָלען קענען בילדען אַ בעזונדערע אָרגאַניזאַציאָן, אָבגעטהיילט פון דיא אָרגאַניזאַציאָן פון זייערע פוילישע ברידער. זיי דאַרפען עס אויך נִיט און טאָרען עס נִיט טאָן. זייער שיקזאַל איז ענג פערבונדען מיט דעם שיקזאַל פון זייערע פוילישע ברידער. דיא אידישע אַרבייטער מוזען דאַרום צושטיין, וויא ווייט נאָר מעגליך, צו דיא אָרגאַניזאַציאָנען פון פוילישען פּראָלעטאַריאַט, צו דיא פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, אַזוי גוט וויא צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אחדות, פּראָלעטאַרישע אחדות, מוז הערשען צווישען דיא אַרבייטער פון אַלע נאַציאָנען; בפרט נאָך צווישען אַרבייטער אין איין לאַנד, זאָנסט איז דער קלאַסען-קאַמפּף אַ פּוסטער קלאַנג, און דיזע אחדות קען אַם בעסטען און צוועקמעסיגסטען אויסגעפיהרט ווערען דורך איין אייגהייטליכע געמיינשאַפטליכע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן. דאָס הייסט אָבער נִיט, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציאָן דאַרף זיין אַ צענטראַליסטישע, אויף קיין פאַל נִיט. אייגהייטליכקייט קען און דאַרף אויך דורכגעפיהרט ווערען דורך אַ פעדעראַטיווע אָרגאַניזאַציאָן, וואו יעדער טהייל זאָל האָבען בערעכטיגטע אָטאָנאָמיע.

דיא אידישע אַרבייטער זענען זיכער בערעכטיגט צו אַזוי פיעל אָטאָנאָמיע, וויא ווייט זייערע אייגענטהימליכקייטען, זייערע ספּעציעלע בעדינגונגען און בעזאָנדערס זייער שפּראַך פאָדערן עס. דאָרט, וואו מען דאַרף גרינדען אויסשליסליך אַ אידישען פעראיין; דאָרט, וואו דער קאַמפּף דאַרף געפיהרט ווערען מייסטענס

צווישען אידישע פראלעטאריער און אידישע קאפיטאליסטען; דארט וואו מען קען אם בעסטען פיהרען דיא סאציאליסטישע פראפאגאנדע צווישען אידישע ארבייטער אין זשארגאן, דארט מוז דאס אלעס געטאן ווערן, ווען אפילו דיא גאנצע פארטיי פון לאנד זאל דערויף ניט געבען איהר הסכמה. דאך, זאגאר אין אזא פאל, ווען דיא סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי פון א לאנד זאל זיין אזוי ווייט אסימילאטאריש, וואס עס איז איינפאך אינמעגליך, ווייל דאס איז געגען דיא פרינציפען פון אינטערנאציאנאליזמוס; אדער ווען אזא פארטיי זאל צוליעב געוויסע גרינדע ניט שטיצען פינאנציעל דיא אידישע סאציאליסטישע פרעסע — אויך אין אזא פאל טארען דיא אידישע סאציאליסטען ניט אפרייסען זיך פון דער גאנצער פארטיי, נאר זיי דארפען זיך אנשטרענגען צו שאפען מיט זייערע אייגענע מיטעל און קרעפטען אזא פרעסע, ווייל כיי וויא סיי, ווען זיי זאלען זיך אבזונדערן אין בילדען אן אונאבהיינגיגע אידישע פארטיי, וועלען זיי דאך דאן אליין מוזען קריעגען מיטעל פיר זייער פרעסע און אנדערע נויטיגע זאכען.

דאס קען מען יעצט זאגען וועגען דיא זאגענאנטע „סעפאראטיסטען" אין גאליציען. א געוויסער טהייל פון דיא אידישע חברים האבען זיך אין מאנאט מאי פון 1905 יאהר אבגעטהיילט פון דער גאליציאנער פ. פ. ס. ד., ווייל דיזע פארטיי, האבען זיי געזאגט, האט זיי בעהאנדעלט וויא א שטיף-קינד און האט פערנאכלעסיגט דיא אידישע פרעסע און אגיטאציאן. יעצט, הייסט עס, האבען זיי א זעלבסטשטענדיגע פארטיי, גיבען ארויס א וואכען-בלאט און פיהרען אן אונאבהענגיגע אגיטאציע צווישען די דארטיגע אידישע ארבייטער, ווער האט זיי אבער געגעבען די מיטעל דערצו? זיי האבען דאך שליסליך אליין בעשאפען דיזע מיטעל. ווארום זשע קענען זיי דאס זעלבע ניט טאן, בלייבענדיג פערבונדען מיט דער פ. פ. ס. ד., וויא באלד נאר דיזע פארטיי זאל זיי געבען דיא אטאנאמיע, אויף וועלכע זיי האבען א פאלשטענדיגעס רעכט?

מען קען פרעגען, וואס מאכט עס אויס, אויב דיא גאליציאנער אידישע ארבייטער געהערען צו דער פ. פ. ס. ד., אדער זיי מאכען שבת פאר זיך, וויא באלד נאר אז א סאציאליסטישע אגיטאציאן ווערט געפיהרט צווישען דעם דארטיגען אידישען פראלעטאריאט? עס מאכט אבער זעהר פיעל אויס, ווייל אליין זיינען

דיא סעפּאַראַטיסטען ניט ווערט, פּשוט גערעט, אַ שמעק טאַבאַק אַלס אַ פּאָליטישע קראַפט, וועהרענד צוזאַמען מיט דער פּ. פּ. ס. ד. בילדען זיי אָדער קענען וויינינגסטענס מיט דער צייט בילדען אַ געוויסע פּאָליטישע מאַכט.

דער פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציען איז, וויא בעוואוסט, גאַנץ קליין, ווייל דיא אינדוסטריע איז דאָ ניט ענטוויקעלט, נאָך ווייניגער וויא אין דער ליטאָ, און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז דאָ איינפאַך אַ הייפעלע. טאָ וואָס, מישטיינס געזאָגט, קענען אַלע אידישע אַרבייטער אַליין, ווען זיי זאָלען שוין אַלע צושטיין צו דיא סעפּאַראַטיסטען — וואָס עס איז גאָר ניט דער פאַל, דען אַ טהייל פון דיא אידישע אַרבייטער פערבלייבען טריי צו דער פּ. פּ. ס. ד. וואו זיי האָבען אויך אָטאָנאָמיע, און אַ טהייל ווערט רעקרוטירט פון דיא פּועלי־ציוניסטען — וואָס זשע קענען זיי אויפטאָן ביי דיא וואַהלען צום רייכס־ראַטה? דער רעזולטאַט פון דעם סעפּאַראַטיזמוס איז פאָרלויפיג, אַז די שוואַכע סאָציאַליסטישע קרעפטען אין גאַליציען זיינען צוברעקעלט און אַז דיא ציוניסטען קענען דורך דעם פערשטאַרקען זייער פּאַרטיי. דער סעפּאַראַטיזמוס איז דאַרום איינפאַך אַ פּ אָ ל י ט י ש ע ר ז ע ל ב ס ט מ אָ ר ד פאַר דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין גאַליציען.

* *
*

אָבער אין פּוילען קענען זיך דיא אידישע אַרבייטער ניט בעקלאָגען, אַז דיא פּ. פּ. ס. ד. בעהאַנדעלט זיי וויא אַ שטיף־קינד. פאַרקעהרט, זיא שטרענגט אָן אירע בעסטע קרעפטע צו אָרגאַניזירען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, צו העלפען איהם אויף יעדען שריט. זייט זיא האָט אָנגעפאַנגען איהר טהעטיגקייט, האָט זיא אויך געזאָרגט פאַר דיא זשאַגאָנישע פּרעסע. מען קען זאָגען, אַז דיא פּוילישע סאָציאַליסטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך שטענדיג געפונען אַ סך אידישע אינטעליגענטען, זיינען געוועזען דיא ערשטע צו פּראָפּאַגאַנדירען אין פּוילען דעם סאָציאַליזמוס אין אידיש פאַר אַזעלכע אידישע אַרבייטער, וואָס האָבען ניט געקענט לעזען פּויליש אָדער רוסיש. איך וועל דאָ אגב אורחא בעמערקען, אַז שוין אין 1886 יאָהר האָט דיא פּאַרטיי פון „פּשעדזוויט" אַרויסגעגעבען אין אידיש דיא בראָשורע „פון וואָס איינער לעבט", וואָס דער פערשטאָרבענער אידישער חבר ד י ק ש ט יי ן האָט פערפאַסט אין פּויליש.

דיזע אידישע בראָשורע איז דאַן געדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָן, אין דער דרוקערײַ פון דעם „אַרבייטער פריינד", און איז שפּעטער אַריבערגעשמוגעלט געוואָרן פון פּוילישע חברים נאָך רוסלאַנד.

דער אידישער קאָמיטעט פון דער פּ. פּ. ס. האָט שטענדיג געהאַט דיא גרעסטע אױטאָנאָמיע. ער איז גראַדע אַזוי זעלבסשטענדיג אין דער פּאַרטײ, וויא דער „בונד" אויסערהאַלב דער פּאַרטײ. זיין אױטאָנאָמיע קען מען צוגלייכען צו דער אױטאָנאָמיע פון דיא אידישע אַרבייטער אין אַמעריקאַ. דיא אידישע פּרעסע ליעגט אין זיינע הענד. אַבי נור גענוג געלט און אינטעליגענטע קרעפטע, וואָס זאָלען קענען שרייבען מאַמע-לשון פאַר דיא אידישע מאַסע, וואָלט דיזע פּרעסע שוין לאַנג געוועזען פיעל גרעסער, וויא זיא איז יעצט, טראָץ דיא בעזאָנדערע רעפּרעסיעס אין פּוילען.

נאָר, זאָגט מען, דיא פּ. פּ. ס. איז צו נאַציאָנאַליסטיש, זיא איז זאָגאַר דאַפיר, אַז פּוילען זאָל זיין אונאַבהענגיג. טאָ וואָס ושע איז? וואָס ווילט איהר, קאָזאַקיש זאָל זיא זיין? וואַרום טאָר דיא פּ. פּ. ס. ניט זיין אַ נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ אַזוי וויט וויא יעדע אַנדערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטײ אין אַ אונאַבהענגיגען לאַנד? וואַרום מעגען דיא סאָציאַל-דעמאָקראַטען אין דייטשלאַנד בילדען אַ דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטײ, אין פראַנקרייך — אַ פראַנצויזישע, אין רוסלאַנד — אַ רוסישע, אין ענגלאַנד — אַן ענגלישע? וואַרום זאָל מען אַרויסטרעטען געגען די פּ. פּ. ס. , ווען זיא געהט אויף דעם זעלבען וועג?

איז עס פיליכט דעריבער, ווייל מען האָט פּוילען צוטהיילט און צוריסען מיט געוואַלט און ווייל איהר איז נאָך ביז יעצט ניט געלונגען צו געווינען די פּאָליטישע אונאַבהענגיגקייט, אויף וועלכע זי האָט אַ נאַטירליכען און היסטאָרישען רעכט לכל הדעות און וועלכע אויך קאַרל מאַרקס און פריעדריך ענגעלס האָבען געוואונשען אין נאָמען פון פּראָגרעס? עס איז גאָר לעכערליך צו שטעלען אַזאַ פראַגע פאַר אַ פאָרטגעשריטענעם מענשען.

קולטורעל בלייבט פּוילען אַ זעלבסטשטענדיגעס לאַנד גראַדע ווי ווען מען וואָלט איהר גאָר ניט געזוכטמיט געוואַלט צו רוסיפיצירען. וואָס האָט רוסלאַנד אויפגעטאָן אין פּוילען זייט קאַטערינעס באַרבאַרישע צייטען? וואָס האָט זי אויסגעפירט מיט איהר דעספּאָטישע פּאָליטיק פון רוסיפיצירונג? גאָר נישט, אויסער בלוט פערגיסונגען. דער רוסישער

בער ראַלט פּוילען אין זיינע בלוטיגע נעגעל, ווייל ער איז שטאַרקער. דאָס איז אַלעס. די גאַנצע רוסיפיצירונג איז ווי אַ זייפען בלאָז. זאָלען זיך נאָר די מחנות פון דער רוסישער אַרמעע צוריק ציהען פון פּוילען, און פון דער איבער 100-יעהריגער רוסישער הערשאַפט וועט דאָרט אין אַ קורצער צייט קיין סימן ניט בלייבען.

עס איז איבערהויפּט אַ כלל אין דער געשיכטע, אַז אַ הערר-שענדע נאַציאָן קען נאָר דאַן אַסימילירען אַ בעהערשטע נאַציאָן, ווען איהר קולטור איז אַ העכערע. ניט זעלטען האָט גראַדע פּאַ-סירט, אַז די בעהערשטע האָבען אַסימילירט די בעהערשער, ווייל די בעהערשטע זיינען געשטאַנען אויף אַ העכערער קולטור-שטופע. ווער עס האָט געלעזען די וועלט-געשיכטע, ווייס עס גאַנץ גוט. און ווער קען דען זאָגען, אַז די רוסישע קולטור שטעהט העכער פאַר דער פּוילישער?

איז עס דאַרום ניט נאַטירליך, אַז אַ פּאַרטיי פון פּוילישען פּראָלעטאַריאַט זאָל אַרויסטרעטען געגען אירגענד וועלכען אויסערן דרוק, געגען אַ הערשאַפט, וועלכע האַלט זיך נור און קען זיך אַנדערש ניט האַלטען, ווי דורך געוואַלט און טיראַניי? איז עס דען ניט נאַטירליך, אַז אַזאַ פּאַרטיי זאָל קעמפּפען פיר די נאַ-טירליכע אונגעשטערטע ענטוויקלונג פון דער גאַנצער נאַציאָן?

נאָר מיט דער פּראָגראַם פון דער פּוילישער סאָציאַליסטי-שער פּאַרטיי וועלען מיר זיך דאָ ניט פערנעהמען. איך האָב נור פערבייגעהענדיג בעריהרט דעם פּונקט וועגען די נאַציאָנאַלע שטרע-בונגען פון דיזער פּאַרטיי, אום צו ערקלערען, אַז דיזע שטרעבונ-גען שטערען גאָר ניט און דאַרפען ניט אָפּהאַלטען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין פּוילען צו געהען האַנד מיט דעם פּוילישען פּראָלעטאַריאַט, חאָטשע פּוילען בלייבט נאָך היינט אָדער קען נאָך אין דער צוקונפט בלייבען פּאָליטיש צוטיילט און אָבהענגיג. איבריגענס, וועגען דיזע אונאָבהענגיגקייט-פראַגע הערשט, ווי ווייט איך ווייס, אַ שטאַרקע חילוקי דעות אין די רייהען פון דער פּ. פּ. ס. זעלבסט, און דאָס איז היינט ניט דער הויפּט-פּונקט, וועלכער טהיילט אָב דיזע פּאַרטיי פון דער ס. ד. פּ. אָדער פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

* * *

יעדענפאַלס, קענען ווייניגער פון אַלעמען אויסזעצען געגען

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון דער פּ. פּ. ס. די יעניגע, וועלכע זוכען ערגעץ אין דער וועלט אריין אַ טעריטאָריע פאַר דעם פּער־וואָגעלטען ישראליק, אום איהם ערשט איינצופאַסען מיט לייטען צוגלייך אין נאַציאָנאַלע ראַמקעס, און אויך די יעניגע, וועלכע טרע־טען אַרויס מיט אַ „נאַציאָנאַלער פּראָגראַם" פאַר אידען אין רוס־לאַנד. אָט אַזעלכע פּראָגראַמען זענען טאַקע ניט מעהר ווי פּער־בלענדענעסען, ווי פוסטע חלומות, האָבען קיין ראַעלען גרונד.

ווי קען מען אויספיהרען אין דער ווירקליכקייט זאָגאַר אַזאַ „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם", ווי אונזערע בונדיסטישע חברים פּלאַנעווען אין זייערע שריפטען? און ווייטער, וואָס וועלען די אידען ווירקליך געווי־נען, ווען עס זאָל שוין זיין מעגליך אַזאַ פּראָגראַם צו פערווירקליכען?

אַ אידישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם! ווי לייכט עס רעדט זיך, אָבער ווי שווער עס איז צו בעשטימען איהר אינהאַלט, וואָס דאָס מיינט אין אמת'ן אפילו אין איהר געבורטס־אָרט, אין סאַמע ליטאָ. מען דאַרף זיך צוערשט קענען אָבזאָגען פון דעם בעגריף פון רוים, אום צו בעטראַכטען דיזען פונקט ערנסט; מען דאַרף קענען אַרי־בערשפּרינגען מיט אַ לייכטע האַרץ און אויך מיט אַ לייכטען קאָפּ די ליטוועשע און וויים־רוסישע דערפער, וואָס רינגלען אַרום די שטעטלעך, וואו די אידישע בעפעלקערונג איז מעהר אָדער וועני־גער קאָנצענטרירט. לאָמיר זאָגען, אַז מיר וועלען שוין אויפבוי־ען אַ גייסטיגען בריק צווישען שמאַרגאָן, אייישישאָק אַזש ביז שניפּישאָק און ווילנאָ, וואו עס הערשט דאָך די אידישע „קול־טור", און מיר וועלען אַזוי אַרום „שאַפען" אַ אידישען ראַיאָן אָדער, אויב אייך געפעהלט ניט אַנדערש דאָס וואָרט טעריטאָריע, זאָל עס הייסען אַ „אידישע" טעריטאָריע. מיר וועלען דאַן האָבען אַ קאַר־טע מיט קייקעלעך אַרום די „כרך'ן" פון ליטאָ, וואו די „אידיש־קייט" וועט גלאַנצען, און מיט גרויסע קרייזען, וואָס וועלען בעצ־ציכענען דאָס לאַנד, וואו די קריסטליכע אַקערבוי־בעפעלקערונג, די מאַיאָריטעט לעבט. דאָס וועט זיין אַ זאָנדערבאַרע, אַנ'אוי־סערגעוועהנליכע קאַרטע, נאָר עס מאַכט נישט, דאָס פּאַפּיער קען דאָך אַלעם פערטראָגען און אונזערע אתה־בחרתנו'ניקעס אין ליטווישע גמרא־קעפּלעך זיינען דאָך אַזוי שטאַרק אין פּלפּולים און האָאָר-שפּאַלטעריי... אין די ליטוועשע „כרך'ן" וויעדער זיינען נאָך עפּעס דאָ קריסטען אויך, וואָס וועלען אויך עפּעס האָבען צו זאָ־

גען אין דעם ענין פון דער אידישער „נאַציאָנאַל־פּראָגראַם“, נאָר דאָס איז שוין גאָר אַ קליינינקייט פאַר די פילוסופן פון ליטע.

יעצט לאָמיר אָננעהמען, אַז אַ אמת'ע קאָנסטיטוציאָן איז שוין איינגעפיהרט אין רוסלאַנד און אַז די אידען וועלען קריגען פולע בירגערליכע רעכט. וואָס וועלען דאַן אונזערע אחינו בני ישראל טאָן? וועלען זיי זיצען און וואַרטען ביז די פּראַוויטעלסטוואָ פון „בונד“ וועט פאַר זיי פערטיג מאַכען די „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם“, אָדער ביז די סיימיסטען וועלען אויספיהרען זייער פּאַפּירענעם פּלאַן — אָדער וועלען זיי אפשר גאָר שלאָגען כפרות מיט דיזע הויך־קלינגענדע טהעאָריעס און זיך פשוט בענוצען מיט זייער בירגערליכען רעכט צו נעהמען אַן אַנטהייל אין די אַנגעלעגענהייטען פון אַלע בירגער פון לאַנד און צו בעזעצען זיך אין „טיעף ראַסיי“, דאָס הייסט זיך נאָך מעהר צו פערשפּרייטען און אויף דיזער אַרט נאָך מעהר צו דערווייטערען די „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם“? איך דענק, ניין, איך בין זיכער, אַז די אידען וועלען טאָן דאָס לעצטע, דען דאָס לעבען איז שטאַרקער פון אַלע טהעאָריעס.

עס פערשטעהט זיך, אַז ווען מען וועט שוין האָבען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג אין רוסלאַנד, וועט די דומע אָדער דער פּאַרלאַמענט צוריקווייזען די פּלענער וועגען אַ אידישע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם אָדער וועגען אַ אידישען „סיים“, איינפאַך אַלס אונפּראַקטיש, אַלס אונדורכפיהרבאַר. נאָר לאָמיר צולאָזען אויף אַ מינוט, אַז די דומע וועט זאָ עטוואָס בעווילליגען פאַר אידען — וואָס וועט דאַן זיין? ווי וועט מען איינבייסען אַ „אידישען סיים“, מיט וואָס וועט מען עסען די „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם“?

די ערשטע זאַך וועלען אַלע אידישע נאַציאָנאַליסטען, ווען זיי זאָלען שוין שליסען שלום צווישען זיך און איינשטימען חאָטשע וועגען איין פּונקט, זיך אַ נעהם טאָן איינצופיהרען אידישע שולען אום צו רעטען די „אידישקייט“ פון די געפאַהרען פון דער אַסימילאַציאָן. פּראַקטיש גערעדט, בעציהט זיך דער גאַנצער עסק מיט דער „נאַציאָנאַלער פּראָגראַם“ אויף אידישע בילדונגס־אַנשטאַלטען, אַז מען זאָל נאָך חו"ש ניט פערגעסען אַזאַ וויכטיגע קולטורעלע שפּראַך ווי אונזער זשאַרגאָן. דען וואָס נאָך בלייבט פאַר ניט פרומע אידען, צו וועלכע אונזערע טהעאָרעטיקער פון די פּועלי־ציון, טעריטאָריאַליסטען און בונדיסטען געהערען, וואָס

נאָך בלייבט פון דער „אידישקייט", פון דער יעצט נאָך עקזיס־טירענדער אידישער קולטור? צו דען וועלען זיי קעמפפען פאַר יאַרמולקעס, ציצית, טלתים, קיגלען, מקואות און אנדערע אַזעלכע אַרטיקלען פון דער ווירקליכער אידישקייט?

און ווען עס זאָל קומען איבערצוגעהן פון רייד צו טהאַטען, ווען עס זאָל טאַקע פּאַסירען, אַז מען וועט זיך קענען נעהמען צו גרינדען אידישע פאָלקס־שולען, גימנאַזיעס און זאָגאַר אוניווערזיטעטען, וועט מען צוערשט מוזען צוזאַמענ־רופען אַ סנהדרין, אַ קאָנגרעס, אָדער אַ סיים, אויב מען וויל ניט אַנדערש דיזען וואָרט, אום ראשית פעסטצושטעלען אַ געוויסע זשאַרגאָנישע גראַמאַטיקע און אַ בעשטימטע אָרטהאָגראַפיע (ווי אוים־צולייגען די ווערטער) פאַר די שילערס; דאַן וועט מען זיך דאַרפען אַ נעהם טאָן צו שאַפען אַ גאַנצע רייהע לעהר־ביכער נאָך דיזער גראַמאַטיקע (דערביי איז ניט איבעריג צו בעמערקען, אַז מען וועט איינפאַך מוזען באָרגען ביי אַנ'אַנדער שפראַך נייע ווערטער פיר די נעמען פון פערשיידענע פפלאַנצען, חיות א. ז. וו., דען דער זשאַרגאָן האָט זיי איינפאַך ניט), נאַכהער וועט מען האָבען צו זוכען לעה־רערס, וועלכע וועלען אין שטאַנד זיין דאָס אַלעס איבערצוגעבען אין מאַמע־לשון. קורץ, מען וועט דאָ אַלעס דאַרפען שאַפען פון א ביזית וויילע אפילו די הייסעסטע ליעבהאָבער פון זשאַרגאָן, אַלע די יעני־גע וואָס רייסען זיך צו מאַכען דיזען זשאַרגאָן פאַר אַ לייטעשע נאַציאָנאַלע שפראַך, וועלען דאָך האָפענטליך צוגעבען, אַז די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור איז נאָך היינט צו טאָג אַ גאַנץ אָרימע.

— אויסער דעם וועט מען נאָך האָבען צו פיהרען אַ קאַמפּף מיט רבנים און פרומע אידען, וועלכע וועלען נאַטירליך שטרעבען צו קאָנפעסיאָנעלע שולען, וועלכע וועלען אַרויסטרעטען פאַר חררים און ישיבות, וואו מען זאָל נאָר „אַביסעלע" לערנען פון די חכמות אומות העולם. און פערגעסט ניט, אַז אָט די אידען זיינען נאָך די מאַיאָריטעט! ווייטער וועט מען אויך זיך צוזאַמענ־שטויסען מיט אַזעלכע ציוניסטען, וועלכע וועלען פערלאַנגען, אַז די לעהרשפראַך אין די אידישע שולען זאָל גאַר זיין לשון קודש, וואָס עס איז גאַנץ לאָגיש פון אַ ריינ־נאַציאָנאַליסטישען אידישען שטאַנדפּונקט. דערצו נאָך וועט דער זשאַרגאָן, וואָס וועט קריגען די הסכמה פון אַ סנהדרין אין דער ליטאָ, ניט שטימען מיט דעם

זשאַרגאָן אין פּוילען, אין גאַליציען, אין רומעניען, אין זיד-רוסלאַנד, דען עס עקזיסטירען דאָך וועניגסטענס צוויי זשאַרגאָנישע דיאַלעקטען.

נאָר דאָס זיינען אַלץ נעבענזאַכען. לאָמיר צוגעבען, אַז דער זשאַרגאָן איז אַ קולטורעלע שפּראַך און אַז די אַלע טעכנישע און אַנדערע שוועריגקייטען, אויף וועלכע איך האָב דאָ אָנגעוויזען — מען קען נאָך געפינען אַנדערע שוועריגקייטען — וועלען בעזיי-טיגט ווערען אַזוי לייכט און שנעל ווי עס רעדט זיך. פרעגט זיך אָבער, פּראָסט אידיש גערעדט, צו וואָס דאַרף מען די גאַנצע חתונה? וואָס פאַר אַ פּראַקטישען נוצען וועט דער איד האָבען, ווען ער וועט שוין אַלע שבע חכמות אויסלערנען אין זשאַרגאָן? וועט עס דען ניט זיין איינפאַך אַנ'אומזיסטיגער צייט-פערטרייב פון אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט? וועלען איהם דען די לעבענס-בעדינ-גונגען, די געוועהנליכסטע פאָדערונגען פון פּראַקטישען לעבען ניט צווינגען צו ערלערנען דאָס זעלבע אין דער לאַנדעסשפּראַך? וואו וועט ער קריגען בעשעפטיגונג, צו וואָס וועט ער זיך קענען נעהמען, ווען ער וועט ניט קענען רוסיש אין רוסלאַנד, א. ז. וו.?

די אַלערליי נייע מאָדנע רעטערס פון יודענטהום וועלען דאָ באַלד דערויף ענטפערן, אַז זיי מיינען גאָר ניט אַנדערש, ווי אַז מען זאָל „אויך" לערנען די לאַנדשפּראַך אין זייערע אידישע שולען. אָבער צו וואָס, פרעגט זיך, זאָל מען די אונגליקליכע אידישע קינדער בעלעסטיגען מיט אַזוי פיעל לערנונג? בערעכענט נאָר — אי לשון קודש, אי אַ בעשטימטע לאַנדשפּראַך אין צוגאָב צו דער געוועהנליכער שול-בילדונג, וואָס זאָל געפיהרט ווערען אין זשאַרגאָן! איז דאָס דען ניט צופיעל? וואָרום וויל מען נאָך אָנהענגען אויף דעם אונגליקליכען ישראליק אַ פּעקעל מיט נייע לאַסטען, מיט נייע צרות — האָט ער דען ניט גענוג אַלטע?

אָבער מיר מעגען זיך בערוהיגען, עס וועט דערצו ניט קומען. די אידישע עלטערן, וואָס שיקען אויך יעצט ניט זייערע קינדער אין געוועהנליכע חדרים און ישיבות, וועלען געוועהנליך אויסקלייבען ניט זשאַרגאָנישע שולען, נאָר אַזעלכע, וואו מען וועט אַלעס לערנען אין דער לאַנדשפּראַך. זאָל מען נאָר ניט בעשרענקען אָרער אויף אידגענד וועלכער אַרט און וייזע ניט שווער מאַכען דעם צוטריט פון אידישע קינדער אין די רוסישע שולען, וועט איהר שוין זעהען וואוהין אידען וועלען שיקען זייערע קינדער, וואָס פאַר אַ פּנים עס

וועלען האָבען זשאַרגאָנישע שולען, אויב אַזעלכע שולען וועלען זיך קענען לאַנג אָנהאַלטען, ווען מען וועט זיי שוין גרינדען.

איך ערקלער דאַרום, אַז דאָס זענען פוסטע חלומות, שעד־ליכע פערדרעהעניסען, שעדליכע ספעציעל פאַר דעם אידישען אַרבייטער, וועלכער דאַרף שטענדיג אין אויג האָבען זיין קלאַססענ־קאַמפף. אויב די אידישע מאַסע וועט זיך טאַקע אויף קיין פאַל ניט אַסימילירען, ווי די אַלערליי מאָדערנע אתה־בחרתנו׳ניקעס מיינען, דאַן הייסט עס דאָך ניט, אַז דער אידישער נאַציאָנאַלער גייסט ליעגט פערבאָרגען דוקא אין זשאַרגאָן און אַז אָהן דעם זשאַרגאָן וועט נאָך חו"ש די גאַנצע אידישקייט חרוב ווערן. יעדערער ווייס, אַז אין טירקיי, האָלאַנד, ענגלאַנד א. ז. וו. געפינען זיך גענוג פרומע, כשר׳ע אידען, וואָס פערשטעהען אַ וואָרט ניט פון דעם הייליגען זשאַרגאָן. אגב אורחא, עס עקזיסטירט נאָך אַ אידיש־שפּאַנישער זשאַרגאָן, אויף וועלכען מען גיט אויך אַרויס צייטונגען פאַר אידען — וואָס זאָל מען מיט איהם טהאָן?

נאָר אַזוי וויט דערגרייכט, דאַכט זיך, ניט די ממשלה פון די סיימיסטען און בונדיסטען. דער „בונד" האָט אפילו געהאַט די פרעטענזיע צו זיין דער „איינציגער" פערטרעטער פון אידישען פראָלעטאַריאַט, צו האַלטען אונטער זיין רשות ניט נאָר אַלע אידישע אַרבייטער פון ליטאָ, זאָנדערן אויך פון פוילען, און ניט נאָר פון פוילען, זאָנדערן אויך פון זיד־רוסלאַנד, פון גאַנץ רוסלאַנד און סיביר אַזש ביז וולאַדיוואָסטאָק, און ניט נאָר פון גאַנץ רוס־לאַנד, זאָנדערן אויך פון גאַליציען, און ניט נאָר פון גאַליציען, זאָנדערן אויך פון אַמעריקאַ; נאָר אין טירקיי איז ער נאָך, ווי וויים מיר ווייסען, ניט פערקראָכען.

* *
*

אָבער שפּאַס אָן אַ זייט, דער „בונד" איז ליידער אַראָפּ פון גלייכען וועג מיט זיין צוגעטשעפּעטער נאַציאָנאַל־פּראָגראַם, פון וועלכער ער האָט זיך נאָך אָפען ניט אָפּגעזאָגט, טראָץ דעם, וואָס ער האָט שוין בעשלאָסען אָבצוזאָגען זיך פון זיין פּאַרטייאישען אתה־בחרתנו׳ניזמוס און צו ווערן אַ טהייל פון דער רוסישער ס. ד. פּ. ער האָט אָנגעפאַנגען זעהר גוט אַלס דער אידישער פליגעל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי אין דער ליטאָ און האָט אויפגעטאָן, די וואַרהייט צו זאָגען, זעהר פיעל פיר דעם אידישען

פראָלעטאַריאַט, ספּעציעל דורך זיין פרעסע. אָבער דער שנעלער ערפאָלג, וועלכער איז אַרויסגערופען געוואָרן דורך די ספּעציעלע בעדינגונגען אין ליטאָ, האָבען איהם אַ ביסעל פערדרייהט דעם קאָפּ און ערוועקט אין איהם אַ צו גרויסע אַמביציע צו פיהרען און ווייניגסטענס צו בעאיינפלוסען די אידעשע ארבייטער איבעראַל, וואו נור מען פערשטעהט דעם אידיש-דייטשען זשאַרגאָן. פון אַ לאָקאַלע אָדער העכסטענס אַ ראַיאָנע אָרגאַניזאַציע האָט ער געשטרעבט צו ווערן אַנ'אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון אידישע אַרביי-טער. ער האָט געמיינט, אַז וואו נאָר זיינע שריפטען דערגרייכען, ווערן געלעזען, געפינענדיג נאַטירליך אַ סימפּאַטישען אָפּקלאַנג צוליעב זייער סאָציאַליסטישען אינהאַלט, דאָרט קען ער שוין אָרגאַ-ניזירען אויך פעראיינען נאָך דעם מוסטער פון די ליטווע'שע. פרעסע און אָרגאַניזאַציאָן זיינען אָבער צוויי פערשיעדענע זאַכען. די סאָציאַליסטישע פרעסע איז ניט צוגעבונדען צו אַ בע-שטימטען אָרט. דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזמוס איז אַל-וועלט-ליך, אינטערנאַציאָנאַל; אָבער ווען עס קומט צו אָרגאַניזירען אַר-בייטער אויף די פּרינציפּען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, מוז מען זיך רעכענען ניט נאָר מיט די ספּעציעלע אומשטענדען פון יעדען לאַנד, פון יעדער נאַציאָנאַליטעט, זאָנדערן אויך פון יעדען בעזונדערן אָרט.

די אָרגאַניזאַטאָרען און פיהרערס פון „בונד" האָבען אָבער, אין זייער נאַטירליכען שטרעבען וואָס ווייטער צו פערשפּרייטען דעם סאָציאַליזמוס אין די אידישע מאַסען, פערגעסען אָן אַזעלכע פער-שיעדענהייטען. דאָס וואָס עס האָט זיי געשיינט צו זיין ריכטיג פיר די אידען אין ליטאָ, דאָס וואָס עס איז געווען צוגעמאָסטען צו די ספּעציעלע אומשטענדען אין ליטאָ, האָבען זיי פערטיגערהייט אַרי-בערגעטראָגען אין זיד-רוסלאַנד, אין פּוילען. דער „בונד" איז, קען מען זאָגען, מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דעם שטראָם פון דער עמיגראַציאָן אויס ליטאָ. די גרינדער און די ערשטע מיטגליעדער פון די לאָקאַלע פעראיינען פון „בונד" אויסערהאַלב ליטאָ זיינען אויך געווען ליטוואַקעס.

מיט איין וואָרט, ליטאָ האָט געהערשט. ליטאָ, וואָס איז פריהער געווען און פערבלייבט נאָך יעצט אויך אַ צענטער פון תלמודיזמוס, איז געוואָרן אַ צענטער פון דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג.

איך פערגין עס, נאַטירליך, אונזערע ליטווישע חברים פון

גאַנצען האַרצען, און איך בין זיכער, אַז יעדער אויפריכטיגער סאָ=
ציאַליסט, ווי ווייט ער זאָל ניט זיין געגען די נאַציאָנאַלע פראָג=
ראַם פון „בונד“, אָדער ווי ווייט ער זאָל ניט זיין איינגעגלויבט
אין דעם פועלי־ציוניזמוס, קען זיך נאָר פרעהען, ווען דער סאָציאַ=
ליזמוס ווערט פערשפרייטעט צווישען די אידישע אַרבייטער. מיר
ווינשען און מיר דאַרפען אויך ווינשען דעם בעסטען ערפאָלג דעם
„בונד“, ווי באַלד ער וועט בלייבען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָר=
גאַניזאַציאָן אויף דעם גרונד פון ריינעם פראָלעטאַרישען קלאַסענ=
קאַמפף אָהן שום נאַציאָנאַלע פערדרעהעניסען. אָבער מען דאַרף ער=
קלערען, אַז דאָס וואָס עס מעג גוט זיין פיר ליטאָ, מעג ניט טויגען
פיר זיד־רוסלאַנד און נאָך ווייניגער פיר פוילען. איך דענק צו=
זאַמען מיט אייך, וואָס איהר פערבלייבט טריי צו דער פוילישער
סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז די אידישע אַרבייטער אין פוילען און
אין גאַליציען דאַרפען זיך צופּאַסען צו די בעדינגונגען אין דיזע
לענדער, אַז זיי דאַרפען מאַכען יד אחת מיט זייערע פוילישע ברי=
דער, אַז זיי דאַרפען אָנשטרענגען אַלע זייערע קרעפטען זיך וואָס
שטאַרקער צו אָרגאַניזירען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, אָבגעזעהען
פון אירגענד וועלכע אַסימילאַטאָרישע אָדער נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

*
* *

איך האָב שוין געזאָגט און איך זאָג עס נאָך אַמאָל, אַז די
לאַגע אין פוילען איז אַנ'אַנדערע ווי אין ליטאָ. דאָרט, אין ליטאָ,
פערנעהמען די אידען אַ בעזונדערע שטעלונג. דאָרטען וואָהנען
אויסער אידען פיער נאַציאָנאַליטעטען: ליטווינען, פּאָליאַקען,
ווייס־רוסען און רוסען. קיינע פון זיי בילדעט ניט אַ מאַיאָריטעט
אין לאַנד און קיינע פון זיי האָט נאָך ניט בעפעסטיגט איהר
קולטור. ווען ליטאָ וואָלט ניט אָבגעריסען געוואָרען מיט געוואַלט
פון פוילען, וואָלט דאָרטען געהערשט די פוילישע קולטור אַזוי ווי
אין גאַליציען ווייניגסטענס. איך קען זיך דאָ ניט אַריינלאָזען נע=
העטער אין דיזען ענין, אָבער איך וועל פערביגעהענדיג בעמער=
קען, דאָס ווען מען זאָל ווירקליך איינפיהרען אַ ריכטיגע פעדעראַצי=
אָן אין דער רוסישער אימפּעריע און געבען יעדער נאַציאָנאַליטעט
ווירקליכע אויטאָנאָמיע, דאַן וועט מען ליטאָ דאַרפען צוטהיילען
ווענייגסטענס אין פיער ראַיאָנען אָדער טעריטאָריעם: אין אַ עכט
ליטווישע, אַ ווייס־רוסישע, אַ פוילישע און רוסישע. דער פּוילי=

שעֶר טהײל װעט דאַן אײַגענטליך איבערגעהן צו פּױלען . אױסער
דעם װעלען אין ליטאַ פערבלײַבען אַ סך ערטער מיט אַ נ ע מ י ש־
ט ע ר בעפעלקערונג . די אידען , װעלכע געפינען זיך אין אַלע
טהײלען , װעלען אױף דיזער װײַזע נאָך מעהר אָבגעטהײלט װערען,
װאָס עס װעט גאָר ניט פרעהליך זײַן פאַר אונזערע „סײַמיסטען"
און אַלע אתה־בחרתנו'ניקעס . װען מען װיל ניט זײַן צענטראַליס־
טיש, קען מען גאָר ניט רײדען פון אײן סאָציאַליסטישע פּאַרטײ
אין גאַנץ ליטאַ . דערװײַלע , װען עס האַנדעלט זיך אײנפאַך צו
בעקעמפּפען די אָטאָקראַטיע (זעלבסטהערשונג) און אײנצופיהרען
אַ ריכטיגע קאָנסטיטוציע אין גאַנץ רוסלאַנד , האָבען נאָך די סעפּאַ־
ראַטיסטישע בעװעגונגען קײן גרױסע פּראַקטישע בעדײַטונג , אָבער
עס װעט קומען אַ צײַט , װען אין ליטאַ װעלען זיך אָנפאַנגען
רײַסערײַען און פערדרעהעניסען װעגען ראַיאָנען און עס װעט אױס־
ברעכען אַ נאַציאָנאַלער קאַמפּף אַזױ װי אין עסטרײַך .

אָבער לאָמיר איבערלאָזען די צוקונפט צו דער צוקונפט .
די פערגאַנגענהײט צײגט אונז יעדענפאַלס , אַז די געװאַלטיגע
רוסיפיצירונג זײַט מוראַװיאָװ'ס תליות האָט בלױז אָנגעריהרט די
שטאָדטישע בעפעלקערונג , אָבער ניט די דאָרפישע . ספּעציעל,
קען מען זאָגען , האָט דיזע רוסיפיצירונג געהאַט אַנ'ערפאָלג בײַ
אַ געװיסען טהײל פון דער א י ד י ש ע ר בעפעלקערונג , נעמליך :
בײַ דעם טהײל , װאָס האָט געשטרעבט צו אײראָפּעאישע ביל־
דונג . דיזע בילדונג האָט מען געװעהנליך נאָר געקענט בעקומען
אין רוסישע שולען , און אַהין האָבען אידען געשיקט זײערע קינ־
דער , װאָס װײַטער אַלץ מעהר , ביז די רעגירונג האָט עס אָב־
געהאַקט דורך דעם בעריהמטען אוקאַז װעגען די פּראָצענטען פון
אידישע קינדער אין רוסישע גימנאַזיעס און אוניװערזיטעטען .

די רעזולטאַטען פון דיזען אוקאַז זענען צו גוט בעקאַנט,
זײ זענען יעצט פאַר אונזערע אױגען . די אידען אין רוסלאַנד זע־
נען דורך דעם נאָך מעהר אָבגעזונדערט געװאָרען , װי דורך די
אַלטע אױסנאַהמס־געזעצען , און דאָס איז געװען װי אַ גוטער
װינט פאַר די מיהלען פון די ציוניסטען . אין ליטאַ האָבען די
אידען אײנפאַך ניט געהאַט מ י ט װ ע מ ע ן זיך צו אַסימילירען,
װי באַלד די רוסישע רעגירונג האָט זײ אַפילו אין איהרע שולען
ניט אַרײַנגעלאָזען . דערצו זײַנען די אידען די פּראָפּאָרציאָנעל מעהר

אין ליטאָ, ווי אין אירגענד וועלכען אַנדערן גלות־לאַנד, און די אידישע בילדונג, מיר מיינען דיא תלמודישע, איז דאָרט שטענדיג געשטאַנען העכער, ווי אַנדערסוואו. דאָס אַלעס איז געווען אַ זעהר גינסטיגער באָדען פאַר די אידישע אינטעליגענטען וואָס האָבען פריהער זיך בעטהייליגט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

ווען דיא אינדוסטריע האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען אין דיא ליטווישע שטעט און שטעטלעך, און עס איז אויפגעקומען א אידישער פראָלעטאַריאַט, האָבען זיך אויך געפונען גענוג אינטעליגענטע קרעפטען, וועלכע האָבען געהאַט אי אַ אייראָפּעאישע בילדונג אי האָבען געקענט אַגיטירען צווישען די אידישע מאַסען אין מאַמע־לשון. דיזע קרעפטע, וועלכע האָבען געגרינדעט דעם פערבאַנד פון דיא ניי־אויפגעקומענע פעראיינען פון אידישע אַרבייטער אָדער, וויא מען האָט איהם אָנגעפאַנגען צו רופען ווענע, קורצקייט וועגען, „דער בונד" — דיזע קרעפטע זיינען געוואָרן דיא נאַטירליכע פיהרער פון דער גאַנצער אַרבייטער בעוועגונג אין ליטאָ. אין דיא ליטווישע שטעטלעך, וואו דיא גאַנצע אינדוסטריע איז געלעגען אין אידישע הענד, האָט מען טאַקע מעהר ניט בעדאַרפט, ווי אַ אידישע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציאָן און א פערבאַנד פון וואָס מעהר אַזעלכע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציאָנען, אַ מין „פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען", וואָס דער „בונד" איז אייגענטליך געווען. אין אַזעלכע שטעטלעך האָבען דיא אידען טאַקע געקענט מאַכען שבת פאַר זיך, האַלטען זיך אָבגעזונדערט פון דיא רוסען און פאָליאַקען און פיהרען זיך זעלבסטשטענדיג.

אָט אויף דיזען ספעציעלען באָדען איז דער „בונד" אויסגעוואַקסען, דאָרטען שעפּט ער אויך יעצט אַלע זיינע קרעפטע. אָבער וואָס מעהר ער איז געוואַקסען און וואָס גרעסער זיין טהעטיגקייט איז געוואָרן, האָט ער זיך אַלץ מעהר צוזאַמענגעשטויסען מיט די ציוניסטען, וועלכע האָבען אויך געפונען אַ גינסטיגען באָדען אין דער ליטאָ, וואו דיא אינדוסטריע איז נאָך אַלעמען אַ קליין־בירגערליכע; און אום זיי לייכטער צו בעקעמפפען, אום צו צוציהען אַ גרעסערע מאַסע אויף זיין זייט, האָט זיך דער „בונד" אַ לאָז געטאָן אויף אַן אָפּאָרטוניסטישען וועג, אויף אַ וועג פון קאָמפּראָמיסען און פשרות, און דיא קרוינונג דערפון איז דיא „נאַציאָנאַל־פּראָגראַם", וואָס האַלט ניט אויס דיא מינדעסטע קריטיק,

ווירקליך, דיזע „פּראָגראַם" איז געווען אַ געשיקטער דיפּלאָמאַטישער שריט; די צאָהל פון די בונדיסטען איז טאַקע שנעל אויפגעשוואָלען געוואָרען; אָבער איך גלויב, אַז דאָס וואָס דער „בונד" האָט געוואונען אין דער קוואַנטיטעט (צאָהל) האָט גאָר ניט געשטימט מיט דער קוואַליטעט (מעלה), ווייל מען מעג גאַנץ אונפּאַרטייאיש אָננעהמען, דאָס אין אַזאַ רעוואָלוציאָנערער צייט, וועלכע רוסלאַנד מאַכט דורך, זיינען אויך צוגעשטאַנען צום „בונד" קליינבירגערליכע עלעמענטען.

אין דער זעלבער צייט האָט דיזער שריט געהאַט נאָך אַנ'אַנדער ספּעציעל'ע ווירקונג. די „נאָוואָיע ורעמיאַ", און נאָך איהר און מיט איהר די גאַנצע אַנטיסעמיטישע פּרעסע, האָבען עס אונטערגעכאַפּט, אום דערמיט בעשיינפּערליך צו צייגען, אַז די גאַנצע רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד שטאַמט נאָר פון די זשידעס. ווער=ווער, נאָר דיא אַנטיסעמיטען צווייפלען גאָר ניט, אַז אידען זיינען אַ נאַציאָן... זיי האָבען עס אומגעוואַנדעלט דעם „בונד" אין אַ סטראַשידלע פאַר דיא רוסישע רעגירונג, אום בעסער צו העצען געגען אַלע אידען. וואו נור אידען האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, האָט מען עס תיכף ומיד צוגעשריבען צום „בונד". מען האָט זאָגאַר צוגעשריבען דעם „בונד" טעראָריסטישע אַקטען, וועלכע האָבען זיך איהם אפילו ניט געחלומ'ט. זאָ, צום בייששפּיעל, האָט מען איבער דער גאַנצער וועלט פּאַנאַנדערגעשיקט טעלעגראַמען, אַז אין דעם „בלוטיגען מיטוואָך" אין וואַרשע האָבען אויך בונדיסטען אַנטהייל גענומען...

אָבער ניט דאָס בין איך דאָ אויסען. דאָס איז אַ פּערגאַנגענע זאַך און, האָפּענטליך, וועט עס באַלד אויך זיין אַ פערגעסענע זאַך. יעצט טרעט דער „בונד" אַריין אין דער אַלגעמיינער רוסישער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער ברעקעלט זיך נאָך אַביסעל; עס פּלאָנטערט זיך נאָך אין זיינע רייהען דער חלום וועגען דיא „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם" און עס וועט נאָך וואַהרשיינליך דיא ערשטע צייט ניט גלאַט צוגיין מיט דיזער פערייניגונג, וועלכע איז אייגענטליך געווען ניט אַ פריידוויליגע, נאָר אַ ג ע צ וו א ו נ ג ע נ ע, וויא מען קען עס אויך שליסען אפילו, ווען מען לעזט דיא בעריכ=

טעֶן פון לעֶצטעֶן בונדיסטישעֶן צוזאַמעֶנפאָהר אין דעֶם בונדיסטישעֶן טעֶגליכעֶן אָרגאַן. דיא סאָלדאַטעֶן זיינעֶן דאָ אַריבעֶר איבעֶר דיא קעֶפּ פון דיא געֶנעֶראַלעֶן און געֶמאַכט אַן עֶנד צו אַ שפּאַלטונג, וועֶלכעֶ האָט יעֶצט פעֶרלאָרעֶן יעֶדעֶן זינעֶן. דאַרום דעֶנק איך, אַז דיא פעֶראייניגונג וועֶט ריכטיג דורכגעֶפיהרט וועֶרן און אַז דיא אידישעֶ אַרבייטעֶר אָרגאַניזאַציאָנעֶן פון ליטאָ, וואָס האָבעֶן זיך גרופּירט אונטעֶר דעֶם נאָמעֶן „בונד", וועֶלעֶן יעֶצט געֶהן אויף דעֶם ריכטיגעֶן פּראָלעֶטאַרישעֶן וועֶג צוזאַמעֶן מיט זייעֶרעֶ קריסטליכעֶ ברידעֶר.

נאַטירליך, מיט דעֶם אַריינטרעֶטעֶן פון „בונד" אין דעֶר רוס־לענדעֶר סאָציאַל-דעֶמאָקראַטישעֶר פּאַרטיי בלייבט נאָך אָפעֶן די פראַגעֶ וועֶגעֶן צעֶנטראַליזאַציאָן און דעֶצעֶנטראַליזאַציאָן, די פראַגעֶ, וועֶלכעֶ שיידעֶט ספּעֶציעֶל אָב די פּ. פּ. ס. פון דעֶר רוסישעֶר סאָציאַל-דעֶמאָקראַטישעֶר פּאַרטיי. נאָר דיזעֶ פראַגעֶ וועֶל איך דאָ ניט בעֶשפרעֶכעֶן. איך גלויב, דאָס ווען דעֶר „בונד" וועֶט אויפריכטיג זיך האַלטעֶן אויף דעֶם וועֶג פון פעֶראייניגונג מיט די קריסטליכעֶ פּראָלעֶטאַריאַטעֶן אין ליטאָ, וועֶט עֶר אויך איינזעֶהעֶן, אַז עֶר דאַרף ניט גראַדעֶ אונטעֶרשטיצעֶן די צעֶנטראַליסטישעֶ טעֶנדעֶנצעֶן פון דעֶר רוסישעֶר סאָציאַל-דעֶמאָקראַטישעֶר פּאַרטיי און דאַרף זיך ניט אָבזונדעֶרן פון דעֶר פּ. פּ. ס., צו וועֶלכעֶר די אידישעֶ אַרבייטעֶר פון פּוילעֶן דאַרפעֶן געֶהעֶרעֶן און וועֶלעֶן געֶהעֶרעֶן.

דאַן וועֶלעֶן דיזעֶ אַרבייטעֶר אויך קעֶנעֶן געֶהן האַנד אין האַנד מיט דעֶם „בונד". וואָס איז שייך די אינטעֶרעֶסעֶן פון אידישעֶן פּראָלעֶטאַריאַט, שטייהעֶן זיי יעֶצט אויף דעֶם זעֶלבעֶן שטאַנדפּונקט, אויף וועֶלכעֶן דעֶר „בונד" איז געֶשטאַנעֶן איידעֶר עֶר האָט זיך פעֶר־פּלאָנטעֶרט מיט אַ „נאַציאָנאַלעֶר פּראָגראַם". יעֶדעֶנפאַלס איז עֶס צייט, אַז דעֶר אידישעֶר פּראָלעֶטאַריאַט אין „תחום" זאָל זיך ניט צוטהיילעֶן אין קלייזלעֶך, אין פּאַרטייעֶלעֶך, זאָל זיך ניט אַרום־רייסעֶן וועֶגעֶן פּאַפּירעֶנעֶ פּראָגראַמעֶן, קליינ־בירגעֶרליכעֶ פעֶר־דרעֶהעֶניסעֶן, נאָר זאָל קעֶמפּפעֶן פיר זיינעֶ ריכטיגעֶ קלאַסעֶנ־אינטעֶרעֶסעֶן, פיר די אינטעֶרעֶסעֶן פון גאַנצעֶן פּראָלעֶטאַריאַט, פיר די צוקונפט פון אמת'עֶ פרייהייט, גלייכהייט און ברידעֶרליכקייט אונטעֶר דעֶר רויטעֶר פאָהנעֶ פון דעֶר אינטעֶרנאַציאָנאַלעֶר סאָציאַל דעֶמאָקראַטיעֶ.